STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03449

# SHTOT FUN PALATSN

Yizkhak Berliner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

מיט ליבע און פֿריינטשאַפֿט
דעם גרויסן ייִדישן קינסטלער
מאָריס שוואַרץ
אין אָנדענק פֿון אונדזער
באַגעגעניש אין מעקסיקע.
יצחק בערליבער
אַפּריל 18, 1941.

# שטאָט פֿון פּאַלאַצן

## לידער און פּאָעמעס

פֿון

## יצחק בערליבער

COLLECTION
OF
WILLIAM
MERCUR

פֿאַרלאַג „דער וועג"
מעקסיקע 1936

# צייכענונגען

פון

דיעגא ריווערא

# פארוואָרט

ווינטן זענען נישט אַלע מאָל אַן אַנשיקעניש. אַפּטן זענען זיי טרעגער פון פרוכטבאַרע זוימען, וועמען ווינטן פאַרטראָגן אויף הונדערטער מײַלן ווייט.

זעסט אַמאָל אַ בלום אין אַ וויסטעניש און וואונדערסט זיך: ווער האָט זי געבראַכט אַהער און פון וואַנען קומט זי, די שיינע פלאַנץ אין אַזאַ אָרט?

— דער ווינט האָט זי אויסגעריסן פון איר היים און זי פאַר־שליידערט אַהער. און דאָ, דווקא אין דער וויסטעניש, איז זי זיך צעוואַקסן, האָט זיך צעבליט שענער און פולער ווי די פלאַנצן פון איר היים.

---

אונזער יונגער ישוב, קוים פופצן יאָר אַלט, באַשטייט פון מענטשן, וועלכע זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון פיל מזרח־אייראָפּעאישע לענדער און פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ העק.

ווער האָט עס געחלומט, אַז פופצן יאָר שפּעטער וועט מען דאָ אָנטרעפן אַזעלכע שיינע בלומען?

אַז דעם וואַסער, פון וועלכן מיר טרינקען דורות־לאַנג; אַן די קלימאַטישע אײַנגנשאַפטן, אין וועלכע מיר זענען געבוירן און דערצויגן גע־וואָרן; אַן דער סביבה, אין וועלכער מיר וואָלטן זיך געדאַרפט אויסוואַ־רעמען, — אָן דעם אַלעם, וואָס מיר רופן קולטורעל־אידיש לעבן, זענען מיר געוואַקסן און זיך צעבליט אויף אַזוי פיל, אַז מ׳הערט שוין אויף קוקן אויף אונז, ווי אויף אַ מוזשיניקל, וועמען מ׳דאַרף דערציען, מדריך זיין, נאָר ווי אויף אַ גלייכן ברודער, וועמען מ׳האַלט אין איין דערמאָנען זיינע פליכטן...

ס׳האָט נאָך אָבער געפעלט דער אָפיציעלער פּאַספּאָרט, דער פּאַס־

פּאַרט, מיט וועלכן מיר דאַרפן זיך פאַרשטעלן ביים רעגיסטרירט ווערן אין דער גרויסער ליטעראַרישער משפּחה פון אונזער צעזייט און צעשפּרייט פאָלק.

און אויף יצחק בערלינערן איז אויסגעפאַלן דער כבוד דעם פּאַס־פּאַרט אויסצושטעלן.

---

די ערשטע ניט־זיכערע טריט האָט ער געשטעלט אין דער אַלטער היים.

און צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע איז ער אַרויסגעריסן געוואָרן פון יענער אומגעבונג און פאַרשליידערט געוואָרן אין אַ „העק" און זיך איינגעוואָרצלט ווי קיינער פון אונז.

ער איז טאַקע דער מעקסיקאַנישסטער צווישן אונז.

אין זיינע לידער דעקט בערלינער פאַר אונז אויף די אינטימסטע ווינקעלאַך פון דער מעקסיקאַנער נשמה. דער, וואָס קען אים נישט, וועט קוים גלויבן, אַז אַזוי קען פילן און מיטפילן אַ אידישער אימיגראַנט, וואָס געפינט זיך דאָ קוים פערצן יאָר.

אומזיסט וועט איר אויך זוכן ביי בערלינערן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן מאָטיוו. טיילמאָל וואונדערסטו זיך: וואו איז דער שורש? וואו איז די יניקה, פון וועלכער ער האָט געזויגן צוזאַמען מיט זיין מוטערס מילך, אין לאָדזש אויפן באַלוט?

סיידן מ'זאָל דעם אומעט, דעם טרויער, וואָס ווייט פון זיינע לידער, צושרייבן דעם אידישן שטריך אין זיין שאַפן.

נישטאָ ביי אים די האָפּערדיקייט פון אַ דיכטער פון אַ פריי פאָלק, וואָס זעט זון, ליכטיקע זון, צעשפּרייט אויף אַלע וועגן.

ביי אים — „גליט די ערד אונטער זוניקן פלאַם". די זון גלעט נישט, וואַרעמט נישט, נאָר גליט.

און דעם גרויסן אומעט פון אַ קינד פון דעם פאָלק, וואָס קען נישט, צוליב זיין גרויסן וויי, פילן די שיינקייט פון דער וועלט, וואָס אפילו פרייד איז אויך ביי אים „עלנטע פרייד" — טראָגט ער אַריבער אויף די אָרעמע מאַסן, אויף די הונגעריקע, קראַנקע, אַרויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט. זיי ווידמעט ער כמעט אַלע זיינע לידער, זיין גאַנץ נשמה־געפיל.

און אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט דאָ, אין זוניקן לאַנד, אַזוי פיל טרויער און אַזוי פיל אומעט געזען, דערפאַר ווייל ער פילט אַזוי שטאַרק מיט די צעווייטיקטע נשמה פון זיינע העלדן, האָט ער זיך שטאַרקער פאַרוואָרצלט פון אַלע אַנדערע?

„אויף דער זייט ים
האָב איך טיף שוין פאַרוואָרצלט מיין שטאָם". —

קיינער פון אונז קען עס אַזוי אמתדיק נישט זאָגן ווי יצחק בערלינער, ווייל קיינער פון אונז האָט נישט אַזוי אַריינגעאָטעמט דעם טרויער פון מעקסיקאַנישן פאָלק, זיך אַזוי נשמהדיק־וויטיקלעך צוזאַמענגעלעבט מיט אים, ווי יצחק בערלינער.

---

די מאָדערנע פּאָעזיע האָט אין די לעצטע יאָרן דורכגעמאַכט פיל וואַנדלונגען.

אַלטע, פּשוטע פאָרמען — פאַרוואָרפן. די נייע האַלט מען אין איין בייטן. ס'איז שוין געקומען אַזוי ווייט, אַז אַ גרויסער טייל פון דער מאָדערנער פּאָעזיע דערפילט היינט די פונקציע פון אַן אַפּענדיקס — אַן איבעריקע זאַך. נישט זי איז טיף, נישט פאַרשטענדלעך און נישט מוזיקאַליש פאַר אונזער אויער, וואָס האָט אַנדערע נאָטן געהערט.

בערלינער איז נישט „דאָס לעצטע וואָרט פון דער מאָדע". אויף וויפיל בערלינער איז נישט „אַלטמאָדיש", פונקט אויף אַזוי פיל איז ער נישט מאָדערן. ער זינגט מיט אַ פּשוטע האַרציקע שפּראַך און מיט אַ סך געפיל.

דעריבער לאָזן זיינע פערזן אַ טיפן רושם, דעריבער ווילט זיך זיי לייענען איינמאָל און נאָכאַמאָל און אַ דריט מאָל און אפילו ביים צענטן מאָל וועסטו נישט מיד צו לייענען דאָס זעלבע ליד.

איך האָב אומצאָליקע מאָל געלייענט זיין פּאָעמע „טעפּיטאָ" (עטלעכע סטראָפן געדענק איך אַפילו אויסנווייניק) און לאָז קיינמאָל נישט דורך די געלעגנהייט צו לייענען די דאָזיקע פּאָעמע, די שענסטע פּערל פון דעם בוך, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

איך ווייס נישט וואָס דאַרט פריער צו באַוואונדערן: די בילדלעכקייט פון דעם גרויזאַמער נויט, די גרויזאַמקייט, וועמענס שולד ס'איז די נויט, די שטאַרקייט פון פערז, צי די מעלאָדיע, וואָס זינגט אַרויס פון יעדער שורה.

איינס איז אָבער זיכער: בערלינער איז אַ גרויסער טאַלאַנט, איינער פון יענע טאַלאַנטן, וועמענס ביישפּילן מיר האָבן נישט פיל אין אונזער יונגער ליטעראַטור.

אין כמות איז עס דאָס דריטע בוך, וואָס דערשיינט אין אונזער נייעם ישוב פון אונזערע דיכטער.

אין איכות איז עס אָבער דאָס ערשטע.

דאָס ערשטע גרויסע ווערק, טיפּיש־מעקסיקאַניש, וואָס אַ יונגער אידישער דיכטער פון מעקסיקע גיט אַרויס אין דעם נייעם לאַנד.

און ווייל דאָס דאַזיקע בוך איז דורך־און־דורך מעקסיקאַניש און ווייל דאָס בוך איז אַ שאַפונג פון איינעם פון די טויזנטער אימיגראַנטן און נישט פון אַזאַ, וועלכער האָט דאָ די ליכט פון דער זון צום ערשטן מאָל דערזען, איז עס טאָפּלט ליב און טאָפּלט טייער. ווייל דאָס בוך איז אַן איבעריקער באַווייז, אַז מיר בינדן זיך צו צום לאַנד וואו מיר וואוינען, צו דעם לאַנד, וואוהין די נויט האָט אונז פאַרוואָרפן.

---

מיטן דערשיינען פון דאַזיקן בוך, פייערט דאָס קולטורעלע אידי־שע מעקסיקע אַ גרויסן יום־טוב.

מיר זענען באַזונדער צופרידן, וואָס איינער פון די טיפּישסטע מעקסיקאַנער קינסטלער און וועלט־באַרימטער מאָלער, דיעגאָ ריווערא, האָט, ווי אַ פאַרשטייער פון דער מעקסיקאַנישער קולטורעלער וועלט, זיך אַנגעשלאָסן אַן דאַזיקן יום־טוב, מיט זיינע ספּעציעלע צייכענונגען פאַר דעם דאַזיקן בוך.

מ. ראָזענבערג




יצחק בערלינער געזען דורך דיעגאָ ריוועראַ

**א מתנה מײַנע קינדערלאַך**

**מלכּה און דוד לײבֿ**

# אויף דער זייט ים

## אויף דער זייט ים

אויף דער זייט ים
גליט די ערד אונטער זוניקן פלאם
מיט באַזומערטן, אייביקן גרין.
גייען יאָרן — מען ווייסט ניט וואוהין —
אין אַ רואיק־פּאַמעלעכן גאַנג,
ווי די אייזעלאַך פּוילע און מיד,
ווי אַ שטיל און צעצויגן געזאַנג
פון אַ דאָרפיש און אומעטיק ליד — — —
און אין האַרץ אַזאַ גרויסער פאַרלאַנג
ליגט און צאַפּלט און וויגט זיך און וויגט,
ווי אויף שפּינוועבס געפאַנגען אַ פליג.

## יצחק בערלינער

אויף דער זייט ים
זיינען אויך ברייטע פעלדער פאראן,
וואו עס שטייט אזוי שטייף יעדער זאנג
אונטער טראפישן פייער־געשיט
און ווארט אויפן סערפן־געקלאנג
צו פאלן פון שניטערס א שניט
און דערנאך, אונטער שלעסער פארמאכט,
אין די שייערן פולע מיט זעט.
און אין שטעט, אזוי טאג אזוי נאכט, —
וויינען קינדער אין שטומען געבעט,
פאלן מענטשן פון הונגער פארשמאכט.

# שטאָט פון פּאַלאַצן

אויף דער זייט ים
פירט דאָס לעבן אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן
אינם רואיקן גאַנג פוילע טעג
צו אַ ווייטן פאַרנעפּלטן וועג; —
און נאָך יעטוועדן טראָט, וואָס עס גיט,
ווערט אַ חלום צעקוועטשט אין די טריט...
און די אייביקע, זוניקע צייט
שטעלט ניט אָפּ׳עט דאָס גיין אינדערמיט,
פלעכט פון טויטע חלומות אַ קייט
און זי וואַנדערט אַרום און זי קריכט, —
שלעפּט אַ וואָגיקע קייט נאָך זיך מיט...

יצחק בערלינער

### אויף דער זייט ים

גיסט זיך אויך אזוי פליסיק דער סם
אין צעבראכענע היימען, וואו ס'ליגט
אזא נויט אזא בייזע און שטיקט.
אזא פינצטערניש ליגט דא אויף שוועלן,
אטש עס ליכטיקט די זון אזוי העל,
שיט פאנאנדער רויט-גאלדענע קרעלן — —
זיינען שטראלן פארביסן און קארג;
זיי באגילטן דעם שטיינערנעם בארג,
נאר פאר מענטשן, וואס וועלקן אין טאל, —
גיסט זיך סם פון צעגאסענעם שטאל.

## שטאָט פון פּאַלאַצן

אויף דער זייט ים
איז אַ קערפּער אין הויזן א מאַן,
איז נקמה דער גרעסטער באַגער,
איז אַ מעסער פאַר ברויט — אַ געווער...
צי אויף באַרג, צי אויף פעלד, צי אין טאָל
שפּילט אַ לעבן פון מענטש ניט קיין ראָל —
ס'לעבן מענטשן מיט אָטעם פון טאָג,
ס'איז דער מאָרגן פאַרנעפּלט און וויסט —
און אין גרויען און בלינדן געיאָג
איז געווויסן אַן איבריקע פּלאָג — —
פוילט נשמה פון מענטש אויפן מיסט...

## יצחק בערלינער

אויף דער זייט ים
האָב איך טיף שוין פאַרוואָרצלט מיין שטאָם;
כאָטש מיין היים איז גאָר ווייט אין דער פרעמד, —
וויקלט איין מיך א זוניק געוועב,
איז אויף לייב מיינס מיר אייגן מיין העמד,
איז מיר אייגן מיין לעבן, וואָס כ'לעב...
ווי אַן אָדלער, וואָס פליט אין געיעג
איבער ריזיקע בערג אַזוי פלינק,
אַזוי פלי איך אַרום און איך שוועב
און איך טראָג מיט זיך ליכטיקע טעג
צו באַזוניקן ס'ליד, וואָס איך זינג.

## חורבות דערמאָנען . . .

חורבות פון טעמפּלען
דערמאָנען
דאָס טראָמפּלען
און שפּאַנען
פון קריגער אויף פערד — גאַטשופּינעס —
געפּאַנצערטע ברוטן,
וואָס פלעגן,
ווי רעגן,
צעגיסן אינדיאַנישע בלוטן,
וואָס האָבן ברייטהאַרציקע פעלדער באַפּעטיקט — —
און יעזוס, וואָס זיצט אין די הויכן
אין געטלעכן היכל,
ער האָט דורך קאַנאָנישע רויכן
געשיקט אַ פאַרבלוטיקטן שמייכל
צו זיינע עבדים און ווילדע חרטומים,
וואָס האָבן זיך גיריק געזעטיקט
מיט גליווערדיק בלוט אויף די צלמים — — —

חורבות פון קירכן
דערמאָנען: —

## יצחק בערלינער

פון הייליקער ווירכען
אויף טראָנען
פון הימלישן זעגן,
מיט ליבשאַפט געצונדן;
פון מענטשן, וואָס זיינען געלעגן
מיט וואונדן
צעגליטע,
ווי שעפסן צו שחיטה,
אין קלויסטערשע פינצטערע היילן
אין קאַלטע,
געבונדן,
ווי גאַרבן — —

קלויסטערשע לעכער און שפּאַלטן
דערציילן
פון הייליקן שטאַרבן — — — —

אינדיאַנישע חורבות דערמאָנען: —
ציקלאָנען,
וואָס האָבן צעטריבן,
ווי שטויבן,
אַצטעקישן פרידן און גלויבן;
פון קייטן
געוויקלט אויף ווייב און אויף מאַן און אויף קינד
פאַר קיינעמס ניט זינד
צו באַצאָלן...

און שווערדן, פון אייזנס און שטאָלן,
זיי האָבן צעשניטן די לייבער
פון מענער און קינדער און ווייבער; — —
און פריסטער —

## שטאָט פון פּאַלאַצן

די געטלעכע היטער —
זיי האָבן מיט הייליקן פּליסטער
געשניטן די רו און די יאָרן,
ווי שניטער
אויף פעלדער דעם קאָרן.

נאָך איצט איז פאַראַנען,
נאָך איצטער איז גלוטיק
דער הייליקער צאָרן
פון שפּאַניער — — —

חורבות פון טעמפּלען
דערמאָנען: —
פאַרבלוטיקט
איז ערד פון אינדיאַנער...

יצחק בערלינער

# דעסיערטאָ דע לאָס לעאָנעס

פון חורבהדיק־אלטן קאָנוועוּנט,<br>
פון ערד און פון אייזן און שטיין,<br>
איך הער נאָך ס׳פארשטיקטע געוויין,<br>
דאָס פינצטער געיאָמער, וואָס פאַלט<br>
פון יעטוועדן ווינקל און שפאַלט<br>
און פויזעט ארום אויף די ווענט...

און ס׳דאכט זיך,—פון אַלטן קאָנוועוּנט<br>
אַן אַלטער מאָנאַך — קאפּוטשין —<br>
ער שטרעקט זיינע הענט, ווי אַ שפּין<br>
און פליסטערט פון ליפּן מיט שפּאָט:<br>
„אַ מענטש האָט געלעסטערט אין גאָט״ — —<br>
— — — — — — — — — — — —<br>
אַ מענטש איז געוואָרן פארברענט — —<br>
— — — — — — — — — — —

פון שפּאַלטן פון אַלטן קאָנוועוּנט —<br>
די שטים פון אַ גלחס געבעט: —<br>
„די ליבע פון פרויען — אַ חטא — —<br>
אָ, גאָט — ס׳איז דער מענטש אַזוי קליין״ — —<br>
— — — — — — — — — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

עס האָבן גלחים אַליין
די „זינדיקע" לייבער געשענדט — —
— — — — — — — — — — —

פון חורבהדיק־אַלטן קאָנוועגט —
אַ ציטער, אַ שאָרך און אַ רוף: —
„מיט צוואַנגען צעריסן דעם גוף,
די הענט אָפּגעריסן פון לייב,
די קינדער, די שוועסטער און ס'ווייב
צעשניטן די פיס און די הענט,

אין קייטן דאָס לייב איינגעשמידט,
צעצויגן אַ גליד נאָך אַ גליד,
ס'האָט טראָפן פון וואַסער געטראָפּט,
געבויערט אַ לאָך אינם קאָפּ" — — —
— — — — — — — — — — —

עס פליסטערן היינט נאָך די ווענט
אין היילן פון אַלטן קאָנוועגט — — —
— — — — — — — — — — —

פון חורבהדיק־אַלטן קאָנוועגט
עס קריכן די שאָטנס אַרוים —
אַ מתנה פון טויזנט די גרוים —
אַ גוף נאָך אַ גוף, ווי אַ שלאַנג — — —
— — — — — — — — — — —

עס גייען באַזונדער אין גאַנג
די קעפּ און די פיס און די הענט — —
— — — — — — — — — — —

יצחק בערלינער

# טעאָטיהואַקאַן

טויזנטיאָריקע און שטיינער-שטומע פּיראַמידן
אין מיט פון בערג און שווייגנדיקע פּלאַכן, —
וויפיל תפילות, וויפיל סודותדיקע שבחן
האָט אויסגעזונגען דאָ אויף אייך אַ פאָלק אין פרידן? — — —

איך האָב דאָס שווייגן אייערס טיף אין זיך אַריינגעשלונגען — — —
איך ווייס נאָר, אַז צוריק מיט צענדליקער יאָרהונדערט
עס האָט אַ פאָלק, פון פעלקער אָפּגעזונדערט,
צו אומבאַקאַנטע געטער לויבן אויסגעזונגען.

און אפשר האָט מיין עלטער־עלטער־זיידע דאָ אויף אייך געטראָטן
און האָט געלאָזן בירושה אין מיין בלוט אַ סוד אַ ווייטן, — — —
און אפשר ליגט מיין אורשפרונג אונטער שטיינער אייערע פאַרשאָטן
אין שווייגן אייביקן דורך לויף פון אומענדלעכע צייטן? — — — —

ווער זיינען עס געווען די וואונדערלעכע ריזן, די גבורים,
וואָס האָבן אויסגעלייגט די שווערע שטיינער און גראַניטן? — — —
פעלקער עלטערע און אַלטע האָבן פעלקער נייערע געבוירן,
נאָר ס'האָבן דאָ די פּיראַמידן זייער פּנים ניט געביטן — — — —

## שטאָט פון פּאַלאַצן

פּיראַמידן —
אפשר שטאַמען דיינע בויער פון עגיפּטן,
פון פעניציע,
צי פון אידן? — — —

איך ווייס, עס האָט דאָ שפּאַניעס אינקוויזיציע
מיט איר קריסטלעך־הײליק גלויבן
איינגעפלעקט דעם נאָמען פון טאָלטעקן,
אָפּצושרעקן
גאַרער וועלט מיט ווילדקייט פון אינדיאַנער,
אויסצורויבן
שטילן פרידן,
אָפּצומעקן
פון דער ערד די פעלקער־שטאַמען — — —
— — — — — — — — —

זון אויף פּיראַמידן —
פאַרדעקסט דעם סוד דעם אייביקן מיט דיינע פלאַמען — — — —

יצחק בערלינער

## פּאַפּאָקאַטעפּעטל

— פּאָפּאָ
ליב פֿאַרשטיינערטער מיט פֿעל פֿון שניי, —
ס'שרייען פֿון דיין גוף די יאָרן טויזנטער
מיט שטום געשריי — —

אין באַגינענס ראָזלעך־בלויִלעכע
הילט זון ארום דיין ווייסן קאָפּ
מיט פֿילקאָלירנדיקע שטרייפֿן,
ווי מיט בענדער.

— ווינטן
אומזעבאַרע מאָנסטערס אין גאַלאָפּ —
לויפֿן־אום אויף דיר אין הוילנדיקן פֿלינדער, —
לידער זינגען זיי און פֿייפֿן
פֿון אומבאַקאַנטע לענדער.

וויפֿיל סודות
ליגן טיף אין דיר באַהאַלטן,
אָנגעקליבענע
אין דורותדיקן יאָגן? — —

## שטאָט פון פּאַלאַצן

וויפיל צייכנס,
בלוט־פאַרשריבענע,
אויף יעדן שטיין באַזונדער? — — — —

כ׳וואָלט געוואָלט דו זאָלסט מיך, פּאַפּאַ,
ווי א שטיין,
אויף קערפּער דיינעם טראָגן — — — —
אפשר וואָלסטו אין מיין שטומקייט
אָנפאַרטרויט מיר דיינע וואונדער — — — —

פּאַפּאַ —
סודותדיקער ווייסער ריז —
כ׳האָט זון, אין אוּנטיקע טונקעלע מינוטן,
געוואָרפן דיר א שפּיז
צעצונדענע — —

איצט זע איך,
ווי דורות, לאַנג פאַרשוואונדענע,
פון דיין חוט-השדרה
בלוטן — — —

וויפיל גייער טרעטן אויף דיין ווייסער הויט? — —
וויפיל גליענדיקע טריט? — — —

ביי דיינע קנעכל
שפּרייזט ארום דער טויט — —
און אויף דיין רוקן
אזא קאַלטער, ווייסער וואונדער
בליט — — —
— — — — — — — — —

## יצחק בערלינער

# ירושה - ברעקלאַך פֿון אַנאַהואַק

א מתנה מיין פֿריינט סאַלאָמאָן האַלע

האָסט ליב זיך אָפּצושטעלן, קוקן אויף די אויסגעשניצטע פּרוכנע-טירן
פֿון, מיט יאָרהונדערטער צוריק געבויטע, אָפּגעקראָכענע געביידעס,
אויף יעדער שניצערײַ און שטיינערנער סקולפּטור פֿון גרויע מאָנאַסטירן, —
און יעדער שפּאַלט פֿון אויפֿגעפּלאַצטע ווענט דערציילט דאָך דיר אַזויפֿיל סודות.

ס'איז ליב דיר יעדער קאָפּ פֿון שטיין, די קאַדיסעס, ס'איז ליב דיר זייער שאָטן,
ס'איז ליב דיר יעדעס שטיקל היעראָגליפֿן־שריפֿט צו צערטלען און צו כּאַוועז.
עס זינגען שטום פֿון יעדן שטיין ארויס די אַלטע פּרימיטיווע שבֿטים
מיט לאַנג פֿאַרגעסענע סימפּאָניעס, שענער, ווי די נײַנטע פֿון בעטהאָווען.

דו קוקסט אויף זיי מיט אזא תענוג, עפּעס איז דיר אַלץ דאָ אַזוי אייגן...
און דײַן איז אויך, פֿון פֿרעמדע זיידעס, אומבאַקאַנטע פֿרייד און צער און שרעקן;
ס'דערציילט דיר, פֿון אַזויפֿיל מוט, מסירת נפֿש אויף באַגראָזטע וועגן,
קוואָטעמאָק מיטן קאָפּ באַפּעדערטן — דער לעצטער העלד פֿון די אַצטעקן.

און ס'דאַכט זיך דיר: דו זעסט נאָך ווי עס גליען ווילד די פֿלאַמענדיקע צונגען
אויף ברוינער הויט פֿון קיניגס פֿיס; עס טויבן אויף געפּאַנצערטע געשטאַלטן;
הערנאַן קאָרטעס, מיט אויגן בליציקע פֿון גײַציקייט נאָך גאָלד געצוואונגען,
שרײַט אויס באַפֿעלעריש צום קרבן: זאָג, דו הונט, וואו האָסטו ס'גאָלד באַהאַלטן? — — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

און הואיטשילאָפּאָטשטלי — גאָט פון קריג — וואָס פלעגט מיט מענטשן־בלוט זיך נערן,
קען איצט, מיט מאַטן בליק אין האַרטן, שווייגנדיקן שטיינקאָפּ, זיך נישט זעטן
מיט טריפנדיקן בלוט פון צאַפּלענדיקע הערצער אין די שטיינערדיקע רערן,
ווי דאַן, אין רויע צייטן, ווען איין שבט פלעגט דעם צווייטן ווילד צעטרעטן — — —

אַנאַהואַק איז גרויס און דו פאַרמאָגסט פון יעדן אידעאַל אַ צייכן,
נישט פרעמד איז דיר דער שטאַם פון יעדן שבט, פון נאַהאָאַס ביז די מאַיאַס — — —
איך וואָלט געוואָלט, ווי דו, דעם סוד פון רו, אין דורות־זוכעניש, דערגרייכן
און נישט וו׳אַן אָבל זאָל איך נאָכגיין די יאָרטויזנטער, ווי נאָך לויה׳ס — — —

צי זיינען דען פאַראַן אַזעלכענע, ווי דו, מיט רואיקע נאַטורן,
וואָס זאַמלען שטיינדעלאַך און קלויבן קרעלן פון פאַרשוואונדענע אַמאָלן? — —
דו האָסט זיך איינגעשלאָסן אין אַ טעמפּל פון פאַרגעסענע קולטורן,
אַזוי וו׳אַ שטראַל פון זון, וואָס נידערט דורך די שפּאַלטן אין די שוואַרצע טאָלן — — —

פאַר דיר איז יעדעס שטיקל שאַרבן פון אַ טאָפּ, אַ ליימענעם, אַן אַלטן,
אַ הייליקע קמיעה, וואָס גלאָזט דיר האָבן פעלקער פון פאַרצייטן — —
און וואָלסטו נאָר געקענט, דאַן וואָלסטו זיך פון וועלט פון היינטיקער באַהאַלטן
און מיט דיין וועזן זיך צוריקגעקערט צום עבר סודותדיקן, ווייטן — — —

אויף פרעמ־ע וועגן איז דיר איינגן דאָ געוואָרן יעדעס שטיקל עפּעס,
ירושה־ברעקלאַך — שטיינדעלאַך פאַרשימלטע און אַלטע מאַנאַכטירן — —
צם האָט דיין קינדהייט זיך נישט אויסגעבריט דאָ אויף די פלאַקערדיקע סטעפּעס,
פון וואַנדער־פיבער האָסט געלאָזט זיך, פונקט ווי איך, ווי אַנדערע, פאַרפירן.

# שטאָט פון פּאַלאַצן

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## קאָנטראַסטן

שטאָט פון פּאַלאַצן, דו שטיינערנער קאַסטן
געריננלט אין טאָל מיט אַ באַרגיקער קייט,
דיין אינגעווייד פול איז מיט ווילדע קאָנטראַסטן
פון עלנט און הונגער און זעטיקער פרייד.

אויף דיינע געפּלאַסטערטע גאַסן עס לויפן
טראַמווייען און אויטאָס אין אימפּעט־געיאָג;
פאַרמאָגסט אָבער געסלאַך, וו׳אַ מיסטיקער הויפן,
וואו ס׳וואַלגערט אַרום זיך אין שמאַטעס דער טאָג.

האָסט קלויסטערס און קירכעס אין דיינע געדערים,
פון שטיין און פון מאַרמאָר די הייזער געבויט;
אין שטויביקע געסלאַך די מענטשן, ווי ווערים
אין ליימיקע שטיבלאַך — אין לעבער פון קויט...

# יצחק בערלינער

דאָרט שטייען די הייזלאַך פון לייםענע ציגל
מיט דעכלאַך פון ראָסטיקע בלעכן באַדעקט, —
אַ שטריק מיט אַ שמאַטע — פּאָר קינדער אַ וויגל...
און העמדער אויף לייבער — צעריסענע זעק — — — —

אין פּאַלאַץ פון שטיין הינטער אייזערנע שלעסער,
דאָס פּרוויאַישע לייב איז באַצווינגן מיט זייד, —
מען צאַפּט און מען טרינקט דאָרט דעם וויין פון די פעסער.
אין שיכרות צעטאַנצט זיך טאָג-טעגלעכע פרייד.

ביי ברוינע באַקאַלעס, אויף קויטיקע טרעפּלאַך,
איז ציידנס אויף קערפּער — דער זוניקער גלוט;
און ווײַן איז דאָרט — פּולקע אין לייםענע טעפּלאַך — — —
פאַרטרינקט מען די נויט אין צעוואָרימטן בלוט...

אַ, שטאָט פון פּאַלאַצן, דו על:טקייט-טרעגער! —
ס'האָט כישא אויף פּלייצעס ביי דיר זיך געמערט...
האָסט מענטשן, וואָס שלאָפן אויף ווייכן געלעגער,
נאָך מערער, — אויף בעטן פון מיכטיקער ערד...



# שטאָט פון פּאַלאַצן

## אין די קויטיקע געסלאַך פון שטאָט

אין די קויטיקע געסלאַך פון שטאָט —
אינם אָפּקלאַנג פון רויש און געהילך
ליגן קינדער אויף קיינעמס באַראָט,
לעכצן קינדער, — אביסעלע מילך.

אין די קויטיקע געסלאַך פון שטאָט —
אין כאַקאַלעס פון ליים און פון מיסט,
זיינען מאַמעס, אויף אייגענעם גנאָד,
מיט פאַרדאַרטע און שלאַבריקע בריסט.

אין די קויטיקע געסלאַך פון שטאָט
ליגט דער הונגער ביי יעטוועדן שפּאַן — — —
און אויף פעלדער — מתנות פון גאָט —
איז צו עסן אַזויפיל פאַראַן...

## יצחק בערלינער

אין די קויטיקע געסלאַך פון שטאָט —
אויף פּאַפּיר, אויף פּעטאַטעס פון שטרוי
ליגן מענטשן, פון מענטשן פאַרשפּאָט,
איינגעטוליעט אין שטויביקן גרוי.

אין די קויטיקע געסלאַך פון שטאָט
האָט דער עלנט זיין פּאַלאַץ געבויט, —
אין די שטיבלאַך פון בלעך און פון דראָב
שוועבט ארום דאָרט אַ חלום פון ברויט...

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## שטאָט מיט בלאָטיקע קאַלוזשעס

אָ, שטאָט מיט בלאָטיקע קאַלוזשעס, ווי די טייכן,
מיט ווענט מיט אָפּגעריסענע אויף נידעריקע באַטעס — —
אויף קאַלטע טראָטואַרן, איינגעהילט אין שמאַטעס
די מענטשן דיינע גרויע, הונגעריקע שלייכן.

און קינדער קליינע וויינען, ציטערן און בלייכן,
זיי וואַלגערן זיך אום אויף שטינקענדיקע הויפן — —
איך וואָלט אַזוי געוואָלט פון דיר, אַ שטאָט, אַנטלויפן.
נישט בלייבן ס׳זאָל פון מיינע שווערע טריט קיין צייכן.

אַזויפיל דורות האָבן אויף דיין גוף געטראָטן
און האַרטער ביזטו נאָך געוואָרן, שוואַרץ און העסלעך —
עס טאַנצט אַרום די נויט אויף דיינע קרומע געסלאַך.

דו האָסט אויף יעדן מויער וויסטן פּיין צעשאָטן,
אין היימען עלנטע געמאַכט אַ בייזן חורבן
און איצט — אין יעדער שטוב זיך ראַנגלט דיינס אַ קרבן.

## יצחק בערלינער

# היימען

אין היימען דאָ האָט עלנט זיך, ווי'א פּיאַווקע איינגעגעסן
און קוקט אַרויס פון ווענט פון לײמענע מיט וויסטע גרוילן — —
און וויפיל מענטשן אין די לעבעדיק קריכן אום, ווי מאָלן,
וואָס האָבן אייגן לעבן — פּרוכנע העלצער — אויפגעפרעסן — — —

און ס'דאכט זיך, אז ס'האָט ווער דאָ אויסגעקלעפּט פון ליים געשטאַלטן,
וואָס וואַלגערן זיך אום אויף גאַסן — ערדישע רואינען — —
עס פירן אויך אַ הויזיש לעבן אויף די ווענט די שפּינען,
נאָר שפּיל־מענטש — ער קען זיין חרפּה נישט פאר גאָס באַהאַלטן...

און כאָטש דערציייל עס פאַר דער גאָרער ברייטער וועלט, דערצייל עס,
אַז וואוילער פון אַ מענטשן איז אַ הונט, וואָס האָט זיין בודע,
אַז ס'לויגט זיך דאָ נישט קיינעם פאַר זיין שטאַרבן זאָגן ווידוי,
אַז מענטשן קענען דאָ נישט שטאַפּלען נידריקער פון שפלות...

צו וואָס דערציילן פאַר דער גאָרער וועלט, צו וואָס דערציילן? —
אַז וואוילער איז געווען דעם אורמענטש אין די בערג און היילן...

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## גראַטים

גראַטים —
דאָס גליען
פון זון אויף די שמאַטעס,
וואָס יענגען פון גופים פון מידע
אין ברודיקע צויטן;
דאָס לייב אויסצוציען
וו'אַז איינזאַמער הונט ביי די פלויטן — — — —

גראַטים —
דער חלום פון ברויטן,
פון בלומען,
פון פעלד און פון בוימער און צווייגן;
גראַטים
צו שווייגן,
ווען ס'פלאַטערט ס'געשריי פונם גומען — — — —

## יצחק בערלינער

דער עלנט, וואָס קריכט אין די שטיבער, —
אַ שאָטן אַ בלינדער —
לאָזט איבער
געוויין פאַר די קינדער,
דעם טרויער ביי מאַמעס,
אַנטעכטיקייט, זאָרג ביי די טאַטעס
און טונקעלע, לאַנגע מינוטן — —
דער וועג צו די פריידן פאַרצאַמט איז — — — —

וואָס שאַרט עס? —
דער הונגער, וואָס טריקנט די בלוטן,
איז גראַטים — — —

## געסלאַך קרומע

געסלאַך קרומע. לעבעדיקע שוואַרצע ברוקן.
קליינע, נידעריקע ליליפּוטן־הייזלאַך
טירן, טירן — שוואַרצע לעכער, ווי פון מייזלאַך,
שטאַרן חושכדיק אין גאַס אַריין און קוקן.

ס׳קריכן פּיס און קערפּערס שמוציקע זיך בוקן,
ברוינע פּנים׳ער מיט שטשירענדיקע ציינער,
זוכן וואו א מאַלצייט אויף די גרויע שטיינער.
און ס׳קומען אָן פון אַלע זייטן, ווי די מרוקן,

שווייגנדיקע און מיט שמייכלענדיקן טרויער,
זוכן אַ טאַרטיאַ וואו אויף טראָטואַרן,
צי אויף שוועלן שטיינערנע, ביי יעדן טויער.

קוקט גדלותדיק פּאַרבייגייער מיט קאַלטער גאווה
אויף קאַרטשענדיקן מענטש, אין איינזאַמע בולוואַרן,
מיט קעל פאַרטריקנטער און לעכצנדיקער תאווה.

## יצחק בערלינער

# הויפן

אין לאנגע, שמאָלע הויפן ליגן טעג — סוכאָטניקעס — אין היץ און שפּייען אויס די לונגען...
אויף וועגט צעליגט דער עלנט פלעקן טונקעלע, ווי מאָזלען אויף א לייב אן איינגעדאַרטן...
עס ליגן הינט, מיט רוקנס צו דער ערד געטוליעט, און מיט פּיסלאך אין דער הויך און וואַרטן
אויף פליגן זשומענדע, וואָס פאַלן אויף די נעזער זייערע און בלעקנדיקע צונגען.

ביי בעקנס שטיינערנע עס זיצן דיקע, ברוינע ווייבער, רייבן ברודנע וועש און סאָפּען.
ביי לעבער — טירן — אויף די פייערבלעכן זשאַרען בעבלאַך זיך אין ליימיק-ברוינע טעפּלאַך.
ווייס-האָריק-אַלטע זקנות זוכן מיט די דאַרע פינגער אין די האָר פון קינדערס קעפּלאַך.
אויף שוועלן מיסטיקע פון פייכטער ערד עס ליגן מענער אויסגעצויגן פויל און כראָפּען.

מיט הויזעלאַך צעפליקט אויף הוילע לייבער, פּונקט ווי שטיקלאַך שמאַטעס צו פאַרלאַטען, —
עס שפּרינגען קינדער אום מיט קולות פריילעכע אין הויפן קראַנקע, פול מיט נויט און גרוילן,
און כ'פינקלען זיי די אויגן, ווי פון ליימיק ברוינע פּילקעס — שטיקלאַך גלאַנצנדיקע קוילן.

א טאַכטער, מיט געפּאַרבטע ברעמען, ליפּן, פירט אין שטוב אריין איר אַלטן, ברוינעם טאַטן,
וואָס וואַקלט זיך, ווי'ס האַלצן ליאַלקעלע, מיט נאַסער בלוזע, ווי אין בלאָטע איינגעטונקען,
און זידלט אים פאַרוואָס ער האָט אין פּולקעריאַ דעם טאַסטאַן דעם לעצטן שוין פאַרטרונקען.



# שטאָט פון פּאַלאַצן

## טאַרטיעריאַ

אַ טיר אַן אָפּענע אינמיטן אָפּגעריסענע צוויי ווענט,
אַ טיר אַן אָפּענע, וואָס שטאַרט צום ווימלענדיקן גרויען ראָג — —
און אינעווייניק — זיבן ווייבער פּאַטשן מיט די ברוינע הענט
טאַרטיאַס קיילעכדיקע פון מאַיס — דאָס ברויט פון יעדן טאָג.

מיט ברוינע פּנימער פול קנייטשן, ווי זיגזאַגן אויסגעצאַקט,
עס שטייען זיבן ווייבער — אידאָלאָס פון קופּער און פון שטיין —
זיי זינגען לידער אומעטיקע צו צום פּאַטשנדיקן טאַקט.
אַ קינד אויף דר'ערד, אין שמאַטעס איינגעוויקלט, העלפט זיי אין געוויין — — — —

אינמיטן שטוב -- אַן אויוון אַ פּירקאַנטיקער פון גרויען ליים,
אויף אים — אַ שוואַרצע בלעך, וואָס טליעט זיך אין פייערדיקן רויט.
עס שטייען זיבן ווייבער דאָ צעשטעלט, אַן אייגן בעט און היים,
און באַקן גאַנצע טעג, מיט לידער אומעטיקע, ס'פרעמדע ברויט — — — —

## יצחק בערלינער

# אויף הארטן שטיין

אין אן אלטן, גרויען און צעריסענעם כאלאט
פון א סאלדאט,
ליגט א מענטש, פארוויקלט נאקעט־ברודנעם גוף,
האלב אויף טראטואר און האלב אויף ברוק,
אינמיטן טאגיקן געשריי
און קינדערשן געוויין — —

ליגט א מענטש אזוי מיט קאפ אויף הארטן שטיין,
מיט אויגן צוויי —
שווארץ־פינקלדיקע שטיקלאך גלאז —
וואס קוקן פחדיק און הויל — — —

ליגט אזוי א מענטש אויף שטיינער אנגעשפארט — —
שטארט
א שיטער־בערדיק גאמבעלע מיט הערעלאך צערוקט —
א בערגעלע מיט הארבסטיק גראז — —
און אויף זיין פנים רוען שמייכלען
טיף באהאלטענע
אין קנייטשן פון פארדרוס — — —
רינט סלינע פון זיין מויל,
ווי ס'וואסער פון געשפאלטענער
קאקאנוס — — —

## מאַריהואַנאַ

דער וועג אַזוי בלאַטיק — —
אַ מענטש, אויף דער ערד אויף דער פייכטער,
שאַרט זיך פּוילטראַטיק
מיט פיס, ווי מיט שווערע געוויכטער — —
און אויגן, וואָס לייכטן, ווי לייכטער,
צעבלאָזן די פלעמלעך, וואָס פאַלן
אויף פּרוויאישע לייבער און לענדן,
אויף מיידלשע צאַרטע געזיכטער — — — —

פּאַרפאַלן — —
ער קאָן נישט די בליקן אָפּווענדן — — —
צי קאָן דען אַ מענטש זיין אַ בעלן
צו לעשן אין אייגענע אויגן
דעם פלאַם פון עראָטיק? — — —
— — — — — — — —

עס רויכערט דער מענטש מאַריהואַנאַ —
נאַרקאָטיק — —

## יצחק בערלינער

דער חלום ווערט וואר אינם שפאנען, —
די ערד איז נישט בלאטיק —
ער גייט אויף דיוואנען,
וואס לאשטשען די פיס אים אין טרעטן;
ער הערט נישט דאס קלאגן,
דאס בעטן
פון קינדער אויף קויטיקע ראגן, —
עס שפילן קווארטעטן — —
עס זינגען דא טויזנטער זינגער — — —
— — — — — — — —

א מענטש פאלט פון הונגער? —
עס ציען זיך הענט אוים און מאנען? —
עס טריקנט די הויט אויף געזיכטער? — — — —
— — — — — — — —

עס פאלט נישט קיין מענטש דא פון הונגער,
עס ציען קיין הענט זיך, וואס מאנען,
עס טריקנט קיין הויט אויף געזיכטער, —
א קייסער
א יונגער
אויף טראנעי
פון רויטע און בלוטנדע ליכטער — —
נירוואנא — — —
— — — — — — — —

עס רויכערט א מענטש מאריהואנא —
נארקאטיק —
און שפאנט אויף דיוואנען —
אויף ערד, וואס איז בלאטיק — — —
— — — — — — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## וואַגאַבונדן

וואַגאַבונדן —
פאַרשפּאָטע פון לייט
און פון גאָט —
ווער האָט אייך געגרייט
פאַר דער שטאָט
צו פּיינען און וואונדן?...

וואַגאַבונדן —
מיט שמאַטעס
אויף גליאיקן לייב,
אָן טאַטעס,
אָן קינד און אָן ווייב —
ווער האָט אייך די אויגן צעצונדן?...

וואַגאַבונדן —
אין אייערע פלאַמיקע אויגן
ליגט טיף אַזאַ טונקעלער סוד...
ווער האָט אייך די פרייד אויסגעזויגן,
פאַר ווער מעס גענאָד?...

וואַגאַבונדן —
עס האָט אייך די שטאָט
צום מזבח פון נויט צוגעבונדן.

## יצחק בערלינער

# אַ ממזר

ווען דו ביזט געבוירן, קינד מיינס פון די קויטן,
האָט דיך שוין דער עלנט צו זיין ברוסט געקלאַמערט,
און ביי חורבה־הייזלאַך און ביי גרויע פּלויטן
האָבן הינט פאַרדאַרטע אויף דיין גליק געיאָמערט.

ווען דו ביזט געבוירן האָט די זון באַהאַלטן
אַלע העלע ליכטער און ס'איז נאַכט געוואָרן;
ווען דו ביזט געבוירן, אויף דער ערד דער קאַלטער,
ווערט שוין ס'שוואַרצע מזל מיטגיין דיינע יאָרן.

נישט געגלעט דיך קיינער האָט ביים שמאַטעס־וויגל
און עס האָט קיין ניאַניע דיך ניט אויסגעבאָוועט. —
צווישן זשאַווערדיקע בלעכן, ערד און ציגל
האָט זיך דאָרט אַליין דיין גורל אויסגעקאָוועט.

ס'האָבן דיינע ליפּן ניט קיין מילך געזויגן,
ניט געטוליעט האָבן דיך קיין מאַמעס ברוסטן;
ווער פון זנות און עלנט, צי אַ צויג פון צויגן,
האָט דיך דאָ געלאָזן אויף די גרויע מיסטן — — —

## וואו זענען די מאַמעס

וואו זענען די מאַמעס,
וואָס האָבן געלאָזן דאָ פוילן
אויף פינסטערע ראָגן
די קינדער,
וואָס טראָגן
פאַרהוילן
אַ קללה אין טיף פונם האַרצן? — — —

וואו זענען די מאַמעס,
וואָס האָבן די אייגענע קינדער
צעצונדן די בלוטן
מיט פלאַמען פון זינדער,
מיט גליאיקן האַסן
געמישט מיט אַ פּחד אַ שטומען
פון איינזאַמע צווינגן? — — —

יעטוועדער בליק פון די קינדער,
וואָס גליט פון צעעפנטע אויגן,
נקמהשער סם איז — — —
— — — — — — — —
וואו זענען די מאַמעס? — — —

**יצחק בערלינער**

# באַלעראַס

## א.

פּוצערס פון שיף אויף די ראַגן —
פּלאַסטישע טיפע קאַנטורן,
וואָס שטאָט האָט געמאָלן
מיט טויזנטער הענט,
ווי טונקעלע פרעסקן אויף ווענט —
זיי האָבן א גייציק געפיל
צו באַטראַכטן
פון האַלז ביז אָפּצאַסן
די פרויענפיגורן,
וואָס שלייכן פאַרביי אויף די גאַסן,
(ס'איז אפשר פון טרינקען צופיל
טעקילאַ, מעסקאַל און אַנים).
די גלוטן אין בליציקע אויגן
זויגן
דעם רייץ פון די מיידלשע פּים...

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## ב.

פוצערס פון שיך אויף די ראָגן,
וואָס טראָגן
פאַררוקט אויף די קעפּ, ביז די אויערן,
היט, ווי די קרוינען,
מיט זיגזאַגס די ראַנדן צעשווירן
ארויפצו געבויגן,
מיט ברודיקע קליידער
אויף זיך, —
זיי פוצן כסדר,
פון פרעמדע פאַרשווינען
די שיך,
אויף זוניקע שטאָט־טראַטואַרן —
אַ גלאַנציקער פליך — —
און אייגענע פיס, האַלב־פּאַרדעקטע,
מיט פינגער, ווי ברוינע ציגאַרן,
וואָס שטאַרן
ארויס פון צעריסענע שיך — — — —

## יצחק בערלינער

ג.

פּוצערס פון שיף אויף די ראָגן —
אַצטעקישע שטיינער-סטאַטועס —
רוען
ביי שטאָטישע ווענט
אויף שטיינערנע גאַסן, וואָס גליען, —
פאַרלייגטע די קופּערנע הענט
אויף פאַרבויגענע קניען.
פּוצערס פון שיף —
אויסגעקנאָטן פון ליים —
זיי פאַרמאָגן
אַ היים
ביי די ווענט אויף די שטאָטישע ראָגן — — — —



## טאַט פון פּאַלאַצן

# די זקנה

ווי אַ וועלטשענע נוס איינגעקנייטשט איז דער קאָפּ פון דער זקנה:
אירע געל-גרויע האָר, ווי דער שימל פון פוילנדע מאָכן — —
די הענט אירע — טרוקן-פאַרברוינטע, פאַרוועלגלטע ביינער —
זיי הענגען אַראָפּ, ווי צוויי העלצער אויף העלפטן צעבראָכן.

אירע אויגן, וואָס קוקן פון אונטער דעם פאַלדיקן שטערן,
זיי זענען, ווי רויטע לאָמטערלעך אויף נאַכטישע ראָגן — —
זי ווייס, אַט די אַלטיטשקע, — צייט האָט פאַרלאָשן באַגערן,
וואָס פלעגן זי ערגעץ אין וועלטן אין ווייטע פאַרטראָגן...

אויב די וואַנט איז אַ מקלט פאַר שטויב און פאַר שפּינען-געוועבן,
וואָס זענען פאַר ווערים און פליגן אומצאַליקע קברים,
האָט שטאָט אויך פאַרוואָרפן מיט אָפּפאַל דעם גוף און דאָס לעבן
פון פאַרגעסענער זקנה, וואָס קלעפּט ביי דער וואַנט ווי אַ וואָרעם...

# יצחק בערלינער

## דער זקן

אכציק, ניינציק יאָרן, צי גאָר הונדערט
איז דער אַלטיטשקער, וואָס זיצט ביים טויער; —
כ'וואָלט זיך אפשר ניט אזוי געוואונדערט,
ווען ס'האָט זיין פּנים ניט אזויפיל טרויער.

זיצט ער אויף צעגליטע שטיינער הייסע
מיט א האַנט א דאַרער אויסגעצויגן;
זיינע הענגענדיקע ברעמען ווייסע
וואַרפן שאָטנס איבער זיינע אויגן.

כ'באַטראַכט דאָס פּנים פון דעם גרויען אַלטן
א צייכן יעדער קנייטש פון יאָרן שווערע...
וויפיל עלנט האָט ער זיך באַהאַלטן
אין זיין אויסגעדאַרטער ברוסט דער לערער?...

## שטאָט פון פּאַלאַצן

און פאַרוואָס האָט ער — וואָלט איך אים פרעגן —
פרייד־חלומות נישט געקאָנט דערוועבן?...
וויפיל האָט ער אויסגעמאָסטן וועגן
אין זיין הרובדיקן לאַנגן לעבן?...

ווי זאָל איך אים פרעגן, אַז איך ציטער
פאַר דעם שמייכל זיינעם פאַרן קרומען,
פאַר זיין שטים וואָס בעט זיך אַזוי ביטער,
פאַר דעם קרעכצן זייגעם, פאַר זיין ברומען.

און מיר דאַכט זיך, אַז פון לאַנג שוין כ'קאָן אים
אָט דעם זקן מיט דער ברוסט דער לערער;
כ'צייל די פאַלדן אויף זיין ברוינעם פנים:
אַכציק, ניינציק, הונדערט, אפשר מערער...

יצחק בערלינער

# ביי טונקעלע טירן

געזען כ'האב:—א פרוי האט, מיט פיינלעכן, שטארן געלעכטער,
געשארט זיך אין פינסטערן געסל ביי טונקעלע טירן,
פון שטיבלאך פירקאנטיקע, רויטע, מיט בלאסע קאלירן,
מיט בעטלאך פון משכב פאר עלנטע זנותיקע טעכטער.

ווער ווייסט וויפיל יארן פון ליידן עס ליגן באהאלטן
געקנייטשט אונטער מאסקעס פון פרייד אויפן פנים און וויעס
פארוויאנען פאר גראשנס אויף פודער, אויף רייז און טארטיעס.
געזען כ'האב א פרוי אט אזא, מיט געלעכטער, מיט קאלטן

מיט שטארע, פארכמורעטע אויגן און תאווהקע ברוסטן,
וואס וואוינט אין א טונקעלן שטיבל פון גרויע כאקאל;
מיט שוועסטערלאך קליינע און אויך מיט א מוטער אן אלט'ער.

געזען כ'האב: די פרוי איז אין טרוקענעם הייזערן הוסטן,
מיט פנים געפודערט אין בלאסלעכן שמייכל, געפאלן,
וו'א בינטל מיט פוילנדיק שטרוי אויף דער ערד אויף דער קאלטער.

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## סוכאַטע

עס שלעפּט זיך אַרומעט אַ פּרוי — אַ מיקראָב פון סוכאַטע —
אין רווישיקע, זוניקע גאַסן פון שטאַטישן ווימל;
איר גוף איז באַהאַנגען מיט קליידער פון זשאַווריקן שימל,
די באַרוועסע פּיס איינגעבאַקן מיט טרוקענער בלאָטע.

עס שלעפּן אַרום זיך אַזעלכע, אויף שיקזאַל באַראַטע,
פאַרוואַרלאָזטע פרויען, פאַרהילטע אין ברודיקע שאַלן,
מיט שמוציק־צעצויטלטע קליידער, אויף שטיקער צעפאַלן,
און ווישן די זוניקע גאַסן מיט לייזיקער שמאַטע;

און קוקן מיט גוססע אויגן פון פּנים פאַרדאַרטן,
און שטרעקן די הענט — איינגערונצלטע, טרוקענע ביינער —
און זעצן זיך אויס ביי די ווענט, ווי די פלעקן אויף שטיינער.

און כּרעגלען זיך אויס אין דער בלאָטע אויף שטיינברוק אויף האַרטן —
און ס׳שפּרודלט פון זיי אַט דער קרענקלעכער סם, און פאַרשפּרייטן
די שוואַרצע סוכאַטע, וואָס ציט זיך דורך דורות און צייטן.

יצחק בערלינער

# אַ מענטש

מיט דער פּלייצע אויף געלבלעכע וואַנט,
הויל דאָס ברוינלעכע לייב ביז די קני,
זיצט אַ מענטש אונטער זוניקן ברי — —
נישט עס אַרט אים זיין אָפענע שאַנד — — —

ווי פאַרטריקנטע פיסלעך פון הון,
זיינע פינגער, וואָס שפּיצן פון האַנט — —
און זיין קאָפּ, ווי אַ בילד אויף דער וואַנט,
איז צעברוינט פון דער טראָפּישער זון.

יעדעס אויג זיינס, וואָס פינקלט מיט ברען
פון די לעכער אין דאַרן געזיכט, —
איז אַ גלאַנציקער וואָרעם, וואָס קריכט
אינם לאָך פון אַ טרוקענעם כּיען — — —

אָפן ס'מויל — פון ליפּ צו ליפּ — ווי אַ נון — — —
מיט צערוקטע דריי ציין, ווי אַ שין — —
עפּעס זוכן אויף וואַנט, ווי אַ שפּין,
זיינע פינגער, ווי פיסלעך פון הון — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## מענטשן פון די הינטערגעסלאַך

אַ חלושדיקעה גלייכגילט בלאָסט אַרויס פון יעדנס אויגן,
וואָס שווייגן אַט אַזוי, ווי זון־געבליאַקעוועטע אַלטע ווענט — —
און הענט מיט הויט, ווי ברוינע קאָרע אויף פאַרדאַרטע צווייגן,
זיי הענגען גלאַט אַזוי און באַמבלען זיך פון קערפּער אימפּאַטענט.. .

און פּנימער, וואָס קנייטשן זיך אַנטקעגן וועלט פאַרצאַרנט,
און ס'פאַלט די רוגזה זייערע אויף גרויען גאַסנדיקן וויסט — —
עס האָבן מענטשן זיך מיט הוילע, פּוסטע טעג באַוואָרנט,
ווי גאַסנהינט פּחדנישע, וואָס קוויקן זיך מיט ביין אין מיסט — — —

און יעדע שעה, וואָס קומט און גייט אַוועק, איז אויסגעליידיקט,
ווי ס'איז די ערד די נאַקעטע אויף שטויביק־לעבערדיקער גאַס — —
דער וויסטער פּיין, צוזאַמען מיט אַ נואַרימקייט, וואָס פריידיקט,
צעברענט אין זיי די אינגעווייד און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ האַס — — —

יצחק בערלינער

## הונגער

אויגן שפּיזיקע מיט גלאַנץ מיט מאַטעוון
און אָפּגעלאָזן הענגען הענט מאַזאַליקע — —
אַ, ווער וועט קומען איצט די מענטשן ראַטעווען
פון הונגער פיינלעכן, פון גראַטעם שטאַליקע?

עס שטאַרבן שעהען, ווי דער פלאַם פון לעמפּעלאַך,
און לאָזן ליידיקייט אין שטיבער טונקעלע;
און טעג פאַרגרויטע ליגן גרויע סטעמפּעלאַך
אויף דיל, סופיט און ווענט, אין יעדן ווינקעלע.

און שאָטנס לויפן אום, ווי ראָבן פליענדיק
און ס'דאַכט זיך — פליגלען שוואַרצע קלאַפּן, ציטערן,
און ערגעץ גראָבלען הינט ביי מיסטן, וואָיענדיק
מיט וואַלד־געיאָמער אַזאַ בייזן, ביטערן.

די פעלדער פולע מיט מאָיס זיך זעטנדיק
און זאַנגען שטייף און שטאָלץ נאָך ניט געשניטענע — —
און קינדער קליינע לעכצן, וויינען, בעטנדיק:
— ברויט אַ שטיקעלע... ברויט אַ שטיקעלע...

## קלאָגט אַ מענטש מיט אַן עלנט געקלאַג

קלאָגט אַ מענטש מיט אַן עלנט געקלאַג,
ווען עס בלוטיקט די זון אויס אַ ליד — — — —
— — — — — — — — — —

מענטש! —
עס וועט דיר נישט העלפן ס׳געקלאַג — — —
אויב קאָנסטו פאַרטראָגן —
פאַרטראָג
דעם לויער פון גוססן טאָג,
וואָס פויזעט דיר נאָך דיינע טריט — — — —

ווילסט אַ טאָג מיט אַן אייביקער זון,
ווייל דיין גורל — אַ גרויליקע וואונד —
ליגט אויף טעג דיינע, וואָכן און יאָר;

און דיין בליק, ווי אַ ליכט־סעמאַפאָר,
פאַלט אויף מויערן, פענסטער און ראָג,
שניידט אַדורך שטילע גאַסן און גליט — — —
— — — — — — — — — —

קלאָגט אַ מענטש מיט אַן עלנט געקלאַג,
ווען עס בלוטיקט די זון אויס אַ ליד — — —

## יצחק בערלינער

# קלויסטערס

מ. ראָזענבערגן מיט ליבע

עס רופן נאָך איצטער צו תפילות
אויף קירכעשע טורעמס די גלאָקן, —
עס שטייט יעדער קלויסטער אַ שטומער,
וו'אַ גרויער פאַרשטיינערטער זקן

מיט רונצלען און קנייטשן אויף קערפּער
פאַרוועלקטן פון יאָרן פירהונדערט
און קוקט דורך דער צייטס גרויע ברילן
מיט פינסטערע בליקן פאַרוואונדערט.

די צייט קאָן די בלינדקייט פון גלויבן
אין רואיקן גאַנג נישט צעטרעטן —
אין אָפענע טירן פון קירכעס
עס קניען נאָך בעטערס און בעטן.

## שטאָט פון פּאַלאַצן

אין יערדרן בליק פון די בעטערס —
אַ תּפֿילהדיק פֿלעמל זיך פֿלעמלט
פון הייליקער יעזוסשער פרומקייט,
בטחון און גלויבן, ווי דעמאָלט

ווען ס'האבן געשפּרייזט דאַ אויף גאַסן
מיט רויאיק־געמאָסטענע שפּריייזן,
געפּאַנצערט די בראָנזענע לייבער
מיט פּאַנצערס פון שטאָל און פון אייזן,

די גרויזאַמע שפּאַנישע ריטער —
די שטרענגע קאַטוילישע וואַכן
פון קלויסטערשע, הייליקע פּאַטערס
און שווארצע, פאַרהילטע מאַנאַכן.

און ס'דאַכט מיר, אַז כ'הער נאָך ווי ס'זינגען
די פרומע מאַנאַשקעס אין כאָרן,
ווי ס'בעטן מיט אויגן פאַרגלאַצטע
די שפּאַנישע אינקוויזיטאָרן:

— אַ, הייליקער יעזוס אין הימל,
באַלייכט מיט דיין ליכט אַלע תּהומען —
עס האָט דיינס אַ דינער געלעסטערט
דיין גרויסן און געטלעכן נאָמען...

— פּוריסימאַ ווירכען מאַריאַ,
פאַרגיב, די נשמה אים לייטער
און רייניק אים אָפּ די עבֿרות
דורך הייליקע פלאַמען פון שייטער...

## יצחק בערלינער

און ס'דאַכט מיר: — איך זע ווי מען פירט נאָך
אַ קרבן דורך געסלעך און גאַסן,
באַגלייט פון גאַטספאַרכטיקער מאַסע
מיט קללות, געלעכטערס און שפּאַסן.

און כ'זע נאָך ווי ס'קנאַקן די העלצער
צוזאַמען מיט ביינער און ריפּן —
און ס'פּאַלט אַ פאַרברענטער דער קרבן
מיט געטלעכן וואָרט אויף די ליפּן.



## שטאָט פון פּאַלאַצן

### פּערפּעטוּאַ סאַקאַררַאַ

פּערפּעטוּאַ סאַקאַררַאַ —
אַ גערטין פון אייביקן העלפן —
וואָס הענגסט אַזוי שטום אויף דער וואַנט, —
צי האָסטו אין זיך נישט קיין שאַנד
צו לויכטן אַזוי מיט די אויגן,
צו שטראַלן אַזוי מיט דיין פּנים,
וואָס גיט זיך קיין ריר? — —
איך ווייס —
דו האַלטסט פאַר נאַראַנים
די מענטשן, וואָס לויבן צו דיר —
קרבנות
פון קריסטלעכער ליבע — — —

טאָ פאַרוואָס אַזאַ הונגער אין שטיבער? —
צי זענען דען זינדער
די קינדער —
סקעלעטן — —

## יצחק בערלינער

די טאטעס, וואס בעטן,
די מאמעס, מיט אויגן, ווי וועלפינס,
וואס ליגן
געטוליעט די לייבער אין קויט? — — — —

א, געטין פון אייביקן העלפן,
באגאלדיקט דיין שטראליקער טראן איז,
איך וויים —
האסט רחמנות: —
דיין הארץ האט אן קיינעם פארגעסן,
א מצווה צו האלטן א תענית — —
עסן? —
דאס איז פאר רשעים — — — —

און אלע, וואס קניען און בעטן
און גייען פאר הונגער דא אויס
און לעבצן נאך ליכט — — —
גיסט גארנישט פאר זיי?
און ווילסט נישט פארנעמען ס'געשריי
פון אינוואלידן? — — — —
— — — — — — — — —

א, געטין
פערפעטוא סאקאררא,
ווי גוט דו זעסט אויס,
קיין עין־הרע...
דיין הייליק געזיכט
שיינט זאט און צופרידן — — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## דער הימל איז זוניק

די שטאָט אָנגעגאָסן מיט ליכטער פון זון איז,
עס כוואַליעט אויף דעכער אַ גאָלדים צעשוואומענער — —
ס'שפּרינגט דורך יעדע שעה, ווי אַ באַלעם אַ גומענער
מיט קלעפּ אויף די שטיינער, ווי קלאַנגען אויף סטרונעס.

אין גאַס, ווי אין אָפענעם שפּאַלט פון אַ קעלער,
פּאַרטונקלטע ברואים פּאַרוואַרלאָזטע זענען מיר,
מיט נאַכט אין די אויגן און פינסטערע פּנימער,
אַנטקעגן דער זון — דעם צעפּינקלטן טעלער — — — —

יצחק בערלינער

## הענגט אַ זון

הענגט אַ זון אַ פינקלדיקע איבער שטאָט און פּאַקלט —
שליידערט זי פון זיך צעגליטע ברענענדיקע שטיקער — —
שפּרייזט דער טאָג אַ מידער און ער וואַקלט זיך און וואַקלט,
ווי אַ שיכור.

בריען אויף דער גאַס די שטיינער און דער ברוק ער זשאַרעט —
שאַרן זיך די הינט אויף גאַס מיט אויערן פאַרשפּיצטע,
גייען אום די מענטשן מיט די הוילע ברוסט צעפּאַרעט
און פאַרשוויצטע.

ליגן פויל די הייזלאַך אונטער העלע זונענדעקן,
פינקלען גרויע בינטעלאַך אין הייסער לופט. דער הוילער, — —
און דער טאָג, אַ וואַקלענדיקער, מידער, מיט אַ שטעקן,
שלייכט אַ פוילער...

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## פּולקעריאַ

צוויי האַלבע טירן וויגן זיך ביים עפענען -- צוויי ברייטע ליפּן זיך באַלעקן — —
ווי פון אַן אומגעוואַשן מויל עס שלאָגט אַרויס אַ ריח אויף די שמאָלע געסלאַך...
און אינעווייניק שטייט כּוואַן מיט חבר זיינעם, זופּן ביידע פון איין בעקן — —
מיט ווייסער שירץ אויף ברוסט, עס שטייט אַ מענטש אַ רונדיקער -- אַ פּעסל צווישן
פּעסלאַך — — — —

אַ בילד אויף וואַנט: אַ פרוי אַ נאַקעטע וואָס צופּט מיט פינגער אויף די האַרפנסטרונעס — —
עס שטייט כּוואַן מיט שיסל ליימיקער אין ברודנער האַנט, אויף וואַנט זיין בליק צעגליטן
און זאָגט צום חבר זיינעם: „איי דו ברודערקע, איך שווער דיר, גלויב מיר אויף נאמנות,
איך וואָלט די ציגעוואַטע זונה פאַר מיין ווייב די מאַטלערקע איצט אויסגעביטן" — — — —

## יצחק בערלינער

# מאַניאַניטאַס

שטילער רוף — —
עס טוט זיך אָפּ די מידקייט פון מיין גוף,
פיר פאַרטאָג.
דורך שווייגנדיקער נאַכט אַ פידלדיק געקלאַג,
אַ ציטער־קלאַנג —
גיטאַרעס צוויי,
אַ מענעריש געזאַנג...
איך האָרך — —
און יעדער שאָרך
פון וויקלדיקן טאָן
זיך דראַפּעט, קלעטערט צום פאַרגראַטעטן באַלקאָן,
וואו ס'בלייכט אַ ליכט
דורך שויב — —
און ווי אַ באַנגער הימלדיקער לויב
טויכט אויף איר קופּער־ברוין געזיכט — — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

פון יעדן אויג
ביי איר —
דורך ברעמען, ווי דורך שאָטנדיקע טיר —
צעפינקלט זיך אַ שוואַרצער טיפער ים,
וואָס כוואַליעט זיך ביים בלוי־באַגינענדיקן פּלאַם,
ביי יעדן בויג,
ביי יעדן ריר
פון סטראַגעדיקן ציטער־קלאַנג — — —
און איך אין שווייגנדיק געפאַנג,
וואַרט שטיל און לאַנג
אין חלומדיקן רוף — —
און ס'טוט זיך אָפּ די מידקייט פון מיין גוף — — —

## יצחק בערלינער

# ווי שטענדיק

פאַרוואָס איז דער טאָג דאָ, ווי שטענדיק, דער זעלביקער,
און שטענדיק דאָס זעלביקע איינזאַמע טרויערן?...
פאַרוואָס ווערט די זון, אַנשטאָט רויטער, גאָר געלביקער
און עלנטקייט ליגט אויף די ווענט פון די מויערן?...

פאַרוואָס שלעפּן שעהען זיך אומעטיק-גרוילעכע
און פאַלן פאַרוואונדעט אויף געסלאַך אויף שטיינערנע?
געשטאַלטן זיך קאָרטשען, אין איינזאַם, פאַרטרוילעכע,
און נויט טאַנצט אַרום, קלאַפּט מיט הענט מיט די ביינערנע.

פאַרוואָס אַזאַ מורא פאַר יעדער געשעעניש,
וואָס קומט אומגעריכט און צעשטערט אונזער פריידיקייט?...
דאָס לעבן — דאָס מיאוסע, ווילדע פאַרזעעניש —
פאַרוואָס לאָזט אונז איבער אין האַרץ אַזאַ ליידיקייט?...

די גליאיקע זון, אַנשטאָט רויטער, ווערט געלביקער...
און עבּעס געהייכעס, וואָס טוט אויף אונז לויערן...
דער אייביקער טאָג, ער איז שטענדיק דער זעלביקער,
און שטענדיק דאָס זעלביקע איינזאַמע טרויערן...

# שטאָט פון פאַלאַצן

## הימל איבער שטאָט

הימל, הימל טונקל־בלויער,
שפרייט זיך איבער שטאָט וו'אַ פלאַכטע.
הימל זע — פאַרנעם דעם טרויער
פון פאַרשמאַכטע...

הימל, הימל טונקל־בלויער,
זון־צעשפּיגלטער און יונגער.
הימל זע — ביי יעדן טויער
שפּרייזט דער הונגער...

הימל, הימל טונקל־בלויער,
שטילער, רואיקער בעל־גאוה.
שטאָט איז פול מיט צער און לויער,
ברענט אין תאוה.

עלנט ליגט אויף געסלאַך, גאַסן —
טוליעט זיך צו יעדן מויער, —
הער שוין אויף פון שטאָט צו שפּאַסן
הימל בלויער.

## יצחק בערלינער

# אויטאָסוגעסטיע

אין זוניקער שטאָט — די פאַרשטיינערטע בעסטיע —
האָט חיל פון, עלנט געמאַכט אַן אינוואַזיע
און זעטיקט זיין הונגער מיט אויטאָסוגעסטיע
און שלינגט דורכן טרוקענעם גאַרגל פאַנטאַזיע...

אַ בלויע פאַנטאַזיע, ווער ווייסט דען פון וואַנען
גענומען האָסט פרייד אַזוי פיל צו פאַרטיילן — —
אין געסלאַך פון קויט איז דיין אוצר פאַראַנען,
אין טאָלן, אויף בערג, אין פאַרוואָרפענע היילן — — —

ווען נישט העלער חלום אין וואָר זאָל זיך שפּינען —
ווי וואָלטן די מענטשן פאַראיינזאַמטע, גרויע,
אַ בעסערע היים ווי דעם דרויסן געפינען,
מיט זוניקע ווענט, מיט אַ דאַך אַזאַ בלויען?...

אויב מענטש האָט קיין שטוב און קיין בעט און ניט קיינעם —
איז אָפענע וועלט אַזאַ בעט אַזאַ ברייטע — —
ער חלומט: די וועלט איז אַ ליכטיקע היים אים — —
פאַנטאַזיע, ביסט שענער ווי לידער פון פּלייטן!

אין זוניקער שטאָט — די פאַרשטיינערטע בעסטיע —
האָט חיל פון עלנט געמאַכט אַן אינוואַזיע
און זעטיקט זיין הונגער מיט אויטאָסוגעסטיע
און שלינגט דורכן טרוקענעם גאַרגל פאַנטאַזיע..

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## געגוג פאַר דיר

געגוג פאַר דיר
אַ ווינקעלע אַ קליינס אויף ברייטער וועלט,
אַ מלבוש אויף דיין לייב
פון זונענפעדים אויסגעוועבט,
אַ ווייב
אין ליימיקן געצעלט,
אַ וואַסערקוואַל, וואָס פאַלט אין טאָל, —
וואָס דאַרף דען מער אַ מענטש, וואָס לעבט,
וו'אַ מאָל
אין פוילנדיקן מאָך? —
וואָס דאַרף מען נאָך? — —

געגוג פאַר דיר
אַ טיר —
אַ פינסטער אויג, וואָס שטאַרט אין גרוי,
אַ דאַך פון שטרוי,
אַ טיש — אַן אויסגעהאַקטער פענצ,
(וואָס האָט עס פאַר אַ ווערט?)

## יצחק בערלינער

און בענק —
די הוילע ערד,
וואס נוצט אויך פאר א בעט
אויסצושטרעקן מידן גוף צו יעדער שעה — — —
וואס נאך איז דיר באשערט אט דא? — — —

גענוג פאר דיר — —
דיין האלז מיט קרעלן שטיינערנע באציר
און שפיגל זיך אין יעדן זונענשטראל — —
און דאן —
אויב ס'איז פאראן
א שטיקל ברויט צו זעט
און וואסער פונם קוואל
אין ליימיק־גרויען קרוג
ביי שוועל פון טיר — —
איז גענוג! —
גענוג פאר דיר! — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## נויט

בריט און ברייטער,
הויך און העכער,
ווי אויף לייטער
ביז צו דעכער
שטייגט דער אומעט, ווי אַ זקן
איינגעהויקערט, איבער שויבן.

קריכט אויף מויער,
קוקט אין שטיבער, —
שטיקער טרויער
לאָזט ער איבער...
און די מענטשן ווילד־דערשראָקן
טרויער־שטיקער קלויבן, קלויבן...

אויף די טרעפּן,
אין די קויטן
שלעפּן, שלעפּן
בייזע נויטן
אַזאַ גרויע שטריק צעצויגן
צו פאַרבינדן מויל און מאָגן — —

ליכטיקט — נאַכט איז, —
זון אין גסיסה...
גליק פאַרמאַכט איז
אין אַ תפיסה
און די מענטשן, איינגעבויגן,
הונגער־פּיין אויף אַקסלען טראָגן.

## יצחק בערלינער

# מיין ליד כהאָב ניט דערזונגען

ס׳קאָנען שפּיצן פון די קלויסטערס צו די הויכן ניט דערלאַנגען,
האָט די זון אַראָפּגערוקט זיך און אויף טורעמס זיך געהאַנגען — — — —

איבער גאַסן, איבער דעכער,
האָט אַ ליכטיקייט געפלאָסן, —
האָט די פרייד אין מיר געהוליעט און מיין האַרץ האָט זיך צעשפּרונגען —

נאָר געשפּאַנט האָט דאָ דער הונגער
אַ פאַרשייטער און אַ פרעכער
און פאַרטונקלט אַלע שטיבער,
אַלע ווינקעלאַך און גאַסן, —
האָט מיין האַרץ באַלד אָפּגעשטעלט זיך און מיין ליד כ׳האָב ניט דערזונגען...

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## ווען עס וואָלט נאָר אין מיר זיין געווענדט

אויב פון אַלץ יעדער איינער גענישט,
טאָ וואָס טוט דאָ דער מענטש אויפן מיסט
מיט דער האַנט אויסגעצויגן און בעט? — —

ווען עס וואָלט נאָר אין מיר זיין געווענדט,
כ'וואָלט צעהאַקט יעדן אייזערנעם פּרענט
פון די שפּייכלערם, געשטאָפּטע מיט זעט.

מענטש פון מענטש אין אַ ווילדן געשפּעט.
ס'פּויזעט אום דאָ דער הונגער — אַ שד —
וואַרפט אַ מורא אויף מאַמע און קינד — —

ווען עס וואָלט נאָר אין מיר זיין געווענדט,
וואָלט איך וועלט, ווי אַ שמאַטע, פאַרברענט
און איר איינענער אייביקער זינד.

## יצחק בערלינער

דאָ איז פינסטער אין געסלאָך פון נויט,
ס'גייט אַרום דאָ און לויערט דער טויט,
וו'אַ מאַנאַך אין אַ שוואַרצן כאַלאַט — —

ווען עס וואָלט נאָר אין מיר זיין געווענדט,
כ'וואָלט מיט מיינע צעעפּנטע הענט
העלע זון אייך געוואָרפן און נאָט! — — —

נישט קיין טאָג פאַרן עלנט, נאָר נאַכט,
נישט קיין אָפענע וועלט, נאָר פאַרמאַכט
און פאַרהאַמערט מיט טירן פון האַס...

ווען עס וואָלט נאָר אין מיר זיין געווענדט,
וואָלט איך זינדיקע וועלט איצט פאַרלענדט
און פאַרסמט יעדע שטאָט, יעדע גאַס.

ווילט איר גלויבן אין געטער, טאַ גלויבט!
ווילט איר זעטיקן הונגער, טאַ רויבט! —
אַלץ איז אייער אויף פעלד און אין שטאָט...

ווען עס וואָלט נאָר אין מיר זיין געווענדט,
כ'וואָלט פון טורעמס און קירכעשע ווענט
אָפּגעהאַקט יעדן גע‌ץ, יעדן גאָט.

לאַסטן שווערע — דער גאַנצער פאַרמעג —
מאַכן פינסטערער פינסטערע טעג — —
שניידט אַדורך זיך דורך ווענט אַ וועג! — — —

ס'האָט די וועלט אייערע לעבנס געשענדט — — —
טאַ צו וואָס האָט איר קרעפּטיקע הענט? —
ווען עס וואָלט נאָר אין מיר זיין געווענדט — — — —

## איך וואַרט אויף אַ טאָג

איך וואַרט אויף אַ טאָג,
וואָס זאָל שניידן מיט גליאיקע מעסערס די נאַכט־לאַבירינטן,
פאַרטרייבן אין ווייטע מרחקים, מיט שנעלקייט פון ווינטן,
די וועלטישע פּלאָג.

איך וואַרט אויף אַ טאָג,
וואָס זאָל ברענען מיט לאַוויקן פייער משוגענע פריידן, —
כ׳זאָל קאָנען דעם פּחד פאַריאָגן, מיין האַרץ זאָל זיך שיידן
מיט פּיינען, וואָס כ׳טראָג.

איך וואַרט אויף אַ טאָג,
וואָס זאָל לייטערן שטאָט פון די גרויליקע, ווילדע קאַשמאַרן —
און פאַלן די פרייד זאָל אויף הייזער, אויף שטיינטראָטואַרן,
אויף גאַס און אויף ראָג.

איך וואַרט אויף אַ טאָג,
וואָס זאָל זוניקן העל מיטאַמאָל איבער ערדישן לעבן, —
איך וואָלט פאַר אַ טאָג אַזאַ ליכטיקן פריי אָפּגעגעבן
מיין האַרץ, וואָס כ׳פאַרמאָג.

# טעפּיטא

# I



# שטאָט פֿון פּאַלאַצן

די שטאָטישע פֿריילעכקייט הוליעט —
עס שימערן טויזנטער ליכטער;
דערנעבן אַ געגנט זיך טוליעט
מיט מענטשן מיט טרויער־געזיכטער.

אַ סך דאָ חלומות זיך וועבן
אויף ווייך־אויסגעבעטע געלעגערס
און נאָענט, אויף גאַסן דערנעבן,
זיך וואַלגערן מענטשן, ווי פּגרים.

און די שטאָט איז פֿון שטיין אויסגעשמידט דאָ;
ס'ברענען לאָמפּן — צעפּלאָמטע שטורקאַצן;
ווי אַ פֿוילנדע וואונד ליגט טעפּיטאָ
אינם האַרץ פֿון דער שטאָט פֿון פּאַלאַצן.

ווער געשפּרייזט ס'האָט דורך לעבן פּאַרגרויטן,
דער קאָן וויסן וואָס עלנטע פֿרייד איז...
צו דעם גרויליקן פּלאָנטער פֿון נויטן
שטייט דער מאַרק פֿון טעפּיטאָ אַן עדות.

— — — — — — — — — —

## יצחק בערלינער

ס׳שטייען
לאנגע רייען
בוידן —
קעסטלאך הילצערנע, ווי פלעקן
אויפן ערדגוף אויפן הארטן.
אין די קאסטנס — בייזע ווארטן,
מיט א טרויער אין די אויגן
און מיט פנימער באוואקסן.
מענטשן
שטילע
איינגעבויגן, —
קוקן
מיט א בליק א קאלטן.
שטארן...

## שטאָט פֿון פּאַלאַצן

שטום זיך שאַרן,
קריכן
טונקעלע געשטאַלטן,
מיט טריט באַזאַכטע, ווי פֿון אָקסן,
זוכן
אין די קופּעס שמאַטעס;
אַלטע וועש,
פֿאַרריכטע קליידער,
אַלטע מאַנטלען,
גרויע גאַטעס,
לאַנגע רימענס,
שטיקלאַך לעדער
פֿאַר די שיך צו לייגן לאַטעס.

טאַטעס
שלעפּן וויינענדיקע קינדער
ביי די ברודיק־ברוינע הענטלאַך.

און ביי ווענטלאַך
פֿון די בוידן —
אַלטע ווייבער,
ברוינע מוידן
אין אַ דריי
אַרומגעזעצטע, —
זשאַרען זיי
אין טעפּ און גרויסע
טאַמאַלעס.

טאַנצט דער דלות
מיט אַ הוילן לייב
און הוליעט...

## יצחק בערלינער

הארט זיך טוליעט:
עלנט, פרייד און נויט
צו שטיינער ברודיקע פון קויט
אויף די גאסן פון טעפּיטאַ.

אויגן ווילדע
און צעגליטע,
קוקן מילדע
און פאַרטרויערט,
זוכן
מיט אַ בליק אַ שטאַרן
אין די מיסטן אויף די ראַגן,
אויף די גרויע טראַטואַרן
מיט אַ בייזן, פוילן ווילן...
אפשר פאַרט געפינען עפּעס
פאַרן מאַגן —
ווילדן הונגער איינצושטילן...

הילן
זיך אינדיאַנער איין מיט טיכער,
מיט קאַביכעס, —
קריכן שטומע,
פוילע קריכער,
גייען דרייסט מיט זייער יחוס:
אויגן —
פלאַמען שוואַרצע,
מיטן בליק פאַרויס געווענדטע;
פלאַקערט,
ברענט אין דער נשמה —
ווילדער כעס און סענטימיענטאַ...
און אין הארצן,

# שטאָט פון פּאַלאַצן

די נקמה,
גליט און טליעט, נישט דערברענטע...
טראָגן מעסערס ביי די זייטן,
ווייסע בלוזקעס
צוגעבונדן
מיט אַ קנופּ אויף זייערע בייכער...

## יצחק בערלינער

מידע שלייבער
שלייכן,
ברוינע פּנימער,
וואָס בלייבן...

ליגט געדולד און האַרטער טרויער
אין די טיפע שוואַרצע אויגן...
שלייכן מידע
און עס דאַכט זיך —
קוים זיי זשיפּען...
און זיי נאָגן ווילד און זויגן
מיט די גראָבע, פעטע ליפּן —
זיסן זאַפט
פון קאַניאַ־שטעקן.



# שטאָט פון פּאַלאַצן

מיט הנאה זיך באַלעקן
מיט די הייסע חזיר־גריוון,
מיטן פעטס פון חזיר־הויטן,
מענטשן עלנטע פון נויטן,
שמאַטשקען אויס מיט זייערע ליפּן
יעדן ביסן דעם צעקייטן...

פונדערווייטן
שטייט אַ פרוי,
אַן אויסגעדאַרטע,
טראָגט אויף זיך אַ קינד אַ בלייכעס,
שטייט אין עלנטקייט פאַרגעסן
ביי דער קאַלטער וואַנט,
געבויגן,
מיט אַ טרויער
מיט אַ שטילן — —

## יצחק בערלינער

אויב ניט עסן —
איז כאַטש פילן
מיטן אָטעם פעטע ריחות...

און דאָס קליינע קינד,
אַ בלייכעס,
איז מיט אויגעלאַך פאַרשטאַרטע,
אויף מאַמעס הענט,
די איינגעדאַרטע,
אָפּגעשטאָרבן — — —
— — — — — — — — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

ס'גייט אַ מענטש און זוכט אַ קרבן, —
ר'האָט צו עמיצן אַ טענה...
און די רויטע אויגן זיינע
קוקן צאַרנדיק
און שטרענגע...
גייט דער מענטש
דורך נעפּלאָך ענגע.

און אַ צווייטער
שאַרט מיט שרעק זיך און פאַרטרויערט...

און דער צאַרנדיקער לויערט
מיטן מעסער
מיטן שאַרפן...

## יצחק בערלינער

ברענען זיינע רויטע אויגן,
פונקט ווי ביי א גייסטיק־קראנקן,
א צעדרייטן...
צילט ער מיט זיין מעסער בלאנקן,
טוט א ווארף זיך אויפן צווייטן
און פארקריצט די הארטע ציינער...
ווערן זיינע אויגן גרעסער...
און דאס בלוט פון שארפן מעסער
פארבט אויף רויט די גרויע שטיינער — — — —

— — — — — — — — —

גייט דער מענטש,
מיט אויגן רויטע,
אויסגעשטארטע — — — —
און פארדארטע
באקן ברוינע,
ווי צוויי לעבער
אויף זיין פנים...
גייט דער מענטש — דער מעסערשטעבער —
אויסגעשטארצט די אויגן רויטע
ציילט
און רעכנט
וויפיל טויטע
שוין געלאזן האט זיין מעסער — — — —

# שטאָט פֿון פּאַלאַצן

אַלטע שלעסער,
שטיקער אײַזן,
סלאַיקעס פֿון מעדיצינען,
פּרוכנע האָלץ פֿון אַלטע ברעטלאַך
און גערויבטע שרײַבמאַשינען,
האַמערס,
צוואַנגען,
פּײַלן,
בעטלאַך
שוין צעבראָכענע פֿון נוצן,
ושאַווערדיקע ציפּערבלעטלאַך,
טעפּלאַך,
טעלער גאַנצע טוצן,
שיך און שיכלעך אָן זוילן,
האַלב־צעריסענע שקאַרפּעטן

## יצחק בערלינער

און פארשמאדערטע קראוואטן,
שרייפעלאך פון אלטע בעטן,
אקסן הילצערנע פון רעדער,
שאכטלען בלעכענע פאר קוילן.
מענטשן,
גראטעס,
שמאטעס,
קליידער
אויפן מארק טעפיטא פוילן...

מיט אן אפן לייב, א הוילן,
מיט א פנים פול געשווירן,
מיט קודלאטע האר צעפלאשעט
אויף זיין פלאטשיק־ברוינעם שטערן —
זיצט א מענטש ביי פרעמדע טירן...
איבער זיינע באקן רינען,
קייקלען אן אן אויפהער טרערן.
וואס קאן א מענטש אזא פארלירן?
און וואס קאן ער דען געפינען? —
אז שוין גארנישט איז געבליבן
פון זיין אייגן גרויען לעבן..
הייסע זון, גליט אויף זיין קערפער,
ברענט אים ס׳פנים אויף להכעים...

זיצט דער מענטש ביי פרעמדע טירן
מיט זיין פוילנד פעקל לאכעס...
זיצט און האלט זיך אין איין שעלטן,
פלאפלט מאדנע ווערטער שטילע,
דריקט זיך צו דער קאלטער מויער
און פארגיסט זיין בייזן טרויער
מיט מעסקאל און מיט טעקילא...



# שטאָט פון פּאַלאַצן

אינדערמיט פון מאַרק
אַ זינגער,
מיט אַ הוט פון שטרוי מיט צוויטן
האַרט פּאַרוקט אַריבער שטערן
דעם פאַרשוויצטן,
זינגט מיט קול אַזאַ צעהיצטן
ס'ליד פון מעקסיקאַנער וועלדער
און פון סטעפּעס,
פון אַ יונגער סעניאָריטאַ
מיט צוויי אויגן —
שאַרפע שפּיזן
זונצעגליטע,
וואָס זיי שפּיצן ווילד פון פּנים
בראָנזגעשניצטן — —

## יצחק בערלינער

מיט א האַרץ, וואָס קלאַפּט גאַלאָפּיק
און צעיאָגט די פּייערבלוטן
דורך איר ברוינעם לייב צעגליטן
פונם ווילדן, הייסן טראַפּיק — —
זי — מיט מעסער אויפגעבליצטן —
האָט איר פאַלשן ברוינעם חתן,
צווישן בערג אויף ווילדע גראָזן,
ס'לייב צעשניטן — — — —

— — — — — — — — — —

זינגט דער זינגער
און אַרום אים —
קליינע קינדער,
ווייבער,
מענער
שטייען שטילע,
שלינגען מיט די שוואַרצע אויגן
פונם זינגערס ליד די טענער,
שאָקלען פרומע
מיט די קעפּ און זיפצן
אוים א תפילה
און פאַרגעסן
אַן דעם הונגער — — —

גליט דאָס לייב
אין ווילדע גלוטן — —
זאַפּט זיך איין דאָס ליד פון זינגער
אין די בלוטן — — —

— — — — — — — — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

פליגן זשומען
אויף דער בלאָטע —
קלעפּעדיקער, גרויער אייטער...
און א שיכור
טאָמעוואַטע
וואַקלט זיך, ווי א צעדרייטער...
און א צווייטער —
מיד פון טרינקען —
ליגט אויף מיסטיקן געלעגער
אין א טיפן שלאָף
פאַרזונקען
אין כסדרדיקן כראָפּען — — —

מײַלער כליאַפּען

## יצחק בערלינער

ווייסע פולקע פון די קופליעס
אין פולקעריאס
אויף די ראגן.

פרויען טראגן
אויף די פלייצעס זייערע קינדער
איינגעוויקלטע אין טיכער
און די קליינע, דארע פיסלאך
באמבלען
אויף דער מאמעס רוקן..

שטארע קוקן
שווארצע, פינקלענדיקע אויגן
פון געזיכטער
אויסגעדארטע...

שווייגנדיק און איינגעבויגן
זיצן מענטשן אויף די שטיינער
גריזשענדיק טארטיאס הארטע
מיט די געלבלאך-ווייסע ציינער...

זוכן ביינער
אין די מיסטן
הינט דערשראקענע און ציטער...
קוקן
מיט א בליק א וויסטן
וואיען ביטער...
צי פון עלנט — —
צי פון הונגער — — —


R.

# שטאָט פון פּאַלאַצן

פרויען יונגע
קוקן דרייסט מיט שווארצע אַפּלען
אונטער ברעמען
אָפּגעפאַרבטע...
אין די אויגן
פונקען צאַפּלען...
פעכיקשווארצע האָר
געקאַרבטע,
מיט קאָלירטע קעם
פאַרפּוצטע...
בלויען ליפּן —
רויטבאַפאַרבטע —
אויסגענוצטע —
איינגעצויגענע מיט גאווה — —
צי פון עלנט — —
צי פון תאווה — — —
— — — — — — — — — —

## יצחק בערלינער

פויזעט אום אַ קאַלטער טרויער
אויף די גרויע
טראַטואַרן,
און פון ווענט,
פון יעדער מויער —
שוואַרצע לעבער —
טירן —
שטאַרן — — — —

טריט זיך שאַרן — —
שטילע, רואיקע געשטאַלטן — — —
מענטשן פּלאָנטערן זיך, ווי קנוילן
ביי די אויסגעלייגטע ברעטלאך
וואו עס ליגן.

## שטאָט פֿון פּאַלאַצן

פֿול מיט הונגעריקע פֿליגן,
קופּקעס בּאַמידאַרן
און זיי פֿוילן...

הייזעריקע כאָרן
גרילצן
אין דער לופֿט דער שטאַרער, —
שטומפּע קלאַנגען —
מישן אויס זיך
מיט געזאַנגען...
אומעטיקע,
ווייסטע
גרוילן
שוועבן...

## יצחק בערלינער

און דערנעבן
וואקלט זיך א מענטש א דארער,
שרייט און שעלט מיט ווילדע קולות:
— אך, ווי וואויל איז
מיר צו זיין דער האר און קייסער
איבער מיינע ווילדע סמען,
וואס ביי מיר אין הארצן גליען...
העי!
איר גליקלעכע און זאטע! — —
איך אליין בין אייער טאטע — — —
טעכטער, זין פון אייער מאמען...
וואס פארקרומט איר אייער פנים?...
און וואס מאכט איר מיר גרימאסן?...
העי,
פחדנים! —



# שטאָט פון פּאַלאַצן

כ׳קען זיך וואַלגערן אין גאַסן,
אויף די שטינקנדיקע מיסטן,
מיט מיין לעבן מיטן וויסטן,
ווי אַ פוילנדיקער פּגר...
און אויף קאַלטע שטיינער האַרטע
קען איך בעטן מיין געלעגער
און זיך לייגן
מיט די גלידער
אויסגעדאַרטע,
מיט מיין קאָפּ
אויף „ווייכן" קישן
פון פּאַפּ־רענע אָפּישן...
קענט איר זיך צו מיר דען גלייכן
און דערגרייכן
צו דעם שטאַפּל
פון מיין זינקען?...
מיינע ליידן
כ׳קאָן פאַרטרינקען
מיט געטראַנקען,
אַז די פרייד אין ברוסט זאָל פלאַמען...
טעכטער,
זיך פון אייער מאַמען! — — —
זאָגט,
ווער זענען אייערע טאַטעס? — — —
— — — — — — — — — —

## יצחק בערלינער

אנגעטוענע אין שמאטעס,
מיט די העמדלאך אויפגעריסן,
מיט די בייכלאך
הויל און נאקעט —
קינדער ברוינלעכע און ברודנע
שפרינגען פריילעכע
און טאנצן...

א צעקנייטשטע
גרויע
זקנה —
הוסט און בראקעט —
זויגט אין זיך ארייננעט
נודנעם
זאפט פון פוילע פאמעראנצן...

# שטאָט פון פּאַלאַצן

א צעפּוילטער שוין אינגאַנצן
ליגט אַ טויטער הונט
אין רינשטאָק...

גאַנצע מענגעס פליגן
ראַיען
אויף זיין קערפּער,
ווי אין בינשטאָק...
באַלד צעפליען זיי זיך,
שוועבן,
פילן לופט אַן
מיט געשטאַנקען...

האַרט דערנעבן
שטייט אַ מענטש
פאַרקויפט געטראַנקען —
אַ דערפרישונג פאַר די היצן...
פולע פלאַשן מיט טעפּאַטשע...

קומען מענטשן —
פוילע גייער —
ווישן ס'פּנים פונם שוויצן,
ריטשן
מיט די הואַראַטשעס
אויף די בלאָטיק האַרטע שטיינער,
טרינקען,
זשליאָקען
פון די פלעשער...
זופּן דורך די גרויסע ציינער
דאָס פאַרזיסטע געלע וואַסער...

## יצחק בערלינער

אַז אינדיאַנער זיצט אַ בלאַסער
אויף דער ערד,
ביי קופּעס בלעטער,
ביי געוויקסן,
שטיקלאַך צווייגן,
שטיקער פּענקעס
און געווירצן...
זיצט מיט איינגעשפּאַרטן שווייגן...

קומען מענער,
אַלטע ווייבער
איינגעהילטע אין רעבאָסאָס,
אָנגעטוענע אין שירצן...

## שטאָט פון פּאַלאַצן

קומען מוידן אַז
און יונגען
מיט צעבראָסטעט ברוינע לייבער,
פון דערנעבנדיקע גאַסן, —
קויפן צווייגלאַך,
שטיקלעך וואַרצלען
פאַר פאַרשיידענע חולאתן...

פאַרן ווייטיק פון די לונגען,
פאַרן קאָפּ
צי פאַר די נירן...

## יצחק בערלינער

קינדער פירן
בלינדע מאמעס,
בלינדע טאטעס.
קינדער קליינע —
איינס פון צווייטן איז נאך קלענער...
הענטלאך דאַרינקע זיך שטרעקן
צו די מענער,
צו די פרויען.

פונקט ווי בעטלער ווי נעניטע,
שלעפן אום זיך אויף טעפיטא
קליינע קינדער:
„זעט,
מיין טאטע איז א בלינדער,

## שטאָט פון פּאַלאַצן

שענקט אַ בלינדן מענטש אַ גרויען
אַ טאַרטיאַ כאָטש אַ קאַלטע,
אַ פאַרדאַרטע"...
וויינט אין הארצן שטום דער אַלטער
אַ פאַרצערטער — —
נישט פאַרנעמען קען ער ס'בעטן,
נישט דאָס קול פון קליינעם אינגל
קאַן ער הערן — —
ווי לאַנג נאָך אין בלינדקייט טרעטן
וועלן זיינע פיס די שווערע?...
ווי לאַנג נאָך וועט אים דורך חושך
ס'שווארצע מזל פירן?...

און די מענטשן —
אַלטע,
יונגע —
מיט די באַקן איינגעפאַלן — —
יעדן טראָפּן בלוט האָט הונגער
אויסגעזויגן,
ס'פליייש צעפרעסן — —
און די אויגן
קוקן,
שטאַרן
שטומע,
שטילע — —
נישט פאַר זיך איז דאַ אפילו
וואָס צום עסן,
נישט דעם קאָפּ וואו אָנצושפאַרן — — — —
— — — — — — — — — —

## יצחק בערלינער

און ביי וויגנדיקע טירן
פון קאַנטינעס
אויף די לעבערדיקע שוואַרצע טראָטואַרן
טאַנצן ווייבער —
אַלטע פּרינעס —
מיט די אויגן רויט פאַרלאָפן,
מיט די פּנימער געשוואָלן...
טאַנצן, טאַנצן
האַלב פאַרשלאָפן
אינם שכּרותדיקן וואַקלען.
טאַנצן שכּורבנישקע מענער,
גלאָצן מיט די שוואַרצע אויגן,
ווי מיט ברענענדיקע פאַקלען...
טאַנצן קינדער,
מיידלאַך פּלינקע

# שטאָט פון פּאַלאַצן

ביים באַגלייט
פון קאַטערינקע.
דרייען זיך:
די גאַס,
די בוידן
מיט די יונגען,
מיט די מוידן...
אַלץ צוזאַמען
אינם שוועבן,
אויך די סמען
פונם לעבן
אויסגעלאַכטן...
דרייען זיך
אין ווילדן שווינדל...
ווער קאָן גרניע פרייד דען בינדן?...

—

אַלע זאָרגן
שוין צעשאַטן...
און דעם מאָרגן
אויך צעטראַטן...
און די ווייען? —
ווער דאַרף טראַכטן?...
מיט אַ שמייכל
אַ געמאַכטן
שנעל זיך דרייען,
מיטן הייסן בלוט צעזאַטן,
אין די ווילדע קאַראַהאָדן...
טאַנצן ווייטיקן צעגליטע
אויף די גאַסן
פון טעפּיטאַ...

— — — — — — — — — —

# II


LOR

# שטאָט פון פּאַלאַצן

קומט די נאַכט — דער אומעט־זינגער
אין אַ מאַנטל אַ פאַרהילטער — —
קומט די נאַכט — דער שאָטנשפּרינגער,
אויף אַן אַלטע האַרפע שפּילט ער;

צופּט מיט לאַנגע שוואַרצע פינגער
אויף די קלאַנגדיקע סטרונעס, —

שפּרינגען טענער
און צעפאַלן
אויף די חשכדיקע גריבער,
אויף די שטיינער,
אויף די טירן
פון די שטיבער...

אין ס׳צעשיטן זיך,
ס׳צעשווימען
פינסטער־אימהדיקע וועלן
אין די ווינקלען פון די שוועלן,
וואו עס טוליען זיך
און קוויקן
מענטשן מיטן ווינסטן עלנט — —
לאַכט דער צער אַרויס פון בליקן
אַזוי גאַליק און פאַרביסן — — — —
— — — — — — — — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

מיט די ווענט אַרומגעריסן
פענסטער לעבערדיק אַן שויבן,
שטייט די אַלטע קירך,
די גרויע,
צווישן פוילנדיקע קוימן
מיט אַ שווייגנדיקע תפילה
אַזאַ פרומע
הינטער צוגעמאַכטע טירן — —
מיט אַ שטילקייט
אַזאַ שטומע,
ווי די שטילקייט
פון אַ טויטן — — — —

נעבן קירך —
ווי שאַטנס

## יצחק בערלינער

שלייכן
שלייכער שטילע
מיט די דארע פינגער
קלייבן
פרעמדן אָבפאַל,
פרוכטן פוילע
אין די מיסטן — — —

און א פרוי,
ווי א נבלה,
אפן ס'ברוינע לייב
און ברוסטן
מיט געשווירן,
מיט צעפלאַשעט שוואַרצע קודלעם
איבער ווילד־צעברענטע אויגן — —
ליגט ביי קירכעס אַלטע טירן
אויסגעצויגן — —
און מיט פויסט
אָן איינגעביילטער
קלאַפט זי אין דער הוילער ברוסט זיך
און פאַרהוסט זיך:
— קיינער וועט מיך דאָ נישט רירן —
שרייט זי אויס מיט א געלעכטער —
און אפילו נישט דער וועכטער
מיט דער פאַלקע — —
מיט דער גאַנצער וועלט צום טייוול.
איך בין מלכה! — — —
— — — — — — — — — —



## שטאָט פון פּאַלאַצן

ווי אַ האַרטע, שטייפע ליאַלקע,
אַנגעצויגן, ווי אַ סטרונע,
ביי דער מויער
שטייט אַ שיכור,
דורך די ציין אים
גיסט זיך סלינע
און ער וואַרטשעט
און וו'אַ פּעקל איינגעקאַרטשעט
לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף דר'ערד
און ווערט אַנטשלאָפן..

מיט דער ברוסט און פּלייצע אַפן,
גלייך דער פינסטערניש אַנטקעגן,
אין אַ וואַקלענדיק באַוועגן —
גייט אַ מענטש און שרייט און זידלט.

## יצחק בערלינער

ווילדקייט בליצט פון זיינע אויגן
און פון מויל דעם ברייטן זיינעם
שיטן ווערטער זיך און שיטן:
— ווייב און קינד און שטוב וואס טויגן? — —
כ'דארף ניט קיינעם — — —
ס'האט מיין ווייב — די צווייג פון צוויגן —
אויף א צווייטן מיך פארביטן
צו אלדע קלאגן! — — —

הארט ביי ווענט
אויף שווארצע ראנן
ברוינע הענט
צו ליפן טראגן
קאווע־טעפלאך.

## שטאָט פון פּאַלאַצן

און אויף טרעפּלאַך
מיט די קעפּלאַך
אויף די שטיינער
ליגן קינדער —
זעקלאַך ביינער —
טוליען זיך אין קאַלטן ציטער
און זיי קאַרטשען זיך צוזאַמען — —

חלומען זיי פון אַ מאַמען,
פון געלעגערס
אויף בעטאַטעס
און פון הויזעלאַך אָן לאַטעס — —
ס'איז זיי וואַרים:
אין אַנאַפּרע ברענט אַ פייער,
פון די טעפּלאַך שלאָגט אַ פּאַרע — —
אַזאַ גוטער גרויסער וואונדער...

## יצחק בערלינער

לעם די שלאָפנדיקע קינדער
שפּילט א מענטש אויף א גיטאַרע, —
שפּרינגען אומעטיקע קלאַנגען
פונם צאַרטן סטרונע-ציטער,
זינגט ער מיט
און ס'העלפט א צווייטער
און א דריטער —
זינגען אַלע דריי צוזאַמען
שטילע דאָרפישע געזאַנגען
און די שוואַרצע אויגן פלאַמען
אונטער ברייטע היט פון טשאַראַס
און מען גיסט אין האַלז אריין זיך
ווייסע פולקע פון די כאַראַס.

איז דער הימל שוואַרץ פאַרצויגן,
הילט מיט שאַלן איין די הייזער
און ער קוקט מיט רויטע אויגן
איבער לעבערדיקע געסלאַך,
אויף די וואַקלענדיקע שפּרייזער,
איינגעהילטע אין סאַראַפּעס.

גייען
גייער —
פוילע שקאַפּעס —
שלעפּן נאָך די פיס די שווערע
אויף די שטיינער — — — —
— — — — — — — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

און אַ מענטשל אַזאַ קליינער —
הויט און ביינער
און אַ צווייטער
זיין באַגלייטער
ווי אַ קורצער גראָבער פּעסל,
און זיין ברוינע ברוסט אַנטבלויזט איז.
שלעפּן ביידע זיך ביי פּויסטעס,
שאַרן שטום זיך דורכן געסל
מיט אַ גאַנג אַזאַ מין זאַכטן,
מיט אַזאַ געהיימען טראַכטן,
קוקן שטאַר אויף אַלע זייטן
מיט אַ בליק אַזאַ צעשטרייטן —
ס׳גייט נישט קיינער — — — —

און דער מענטש פון הויט און ביינער
זאָגט צום צווייטן —
צו דעם פּעסל:

## יצחק בערלינער

— העי, דו ווילדער טייוול, חמור,
נאַ דיר ס'אייזן,
נאַ דעם האַמער
אייזל־מוח —
נו, באַווייז מיר איצט דיין כוח —
ריים אראָפּ דאָס קליינע שלעסל —
איך וועל היטן...

קוקט דער דאָרער זיך אַרומעט
איבער נאַכטיש-וויסטן אומעט
מיט אַ בליק צעגליטן.

קוקט ער —
זעט ער —
קיינער גייט ניט,
קיינער קומט ניט,
אַז קיין פליג אין לופטן זשומט ניט,
אַז אין ראָג דער וועכטער שטייט ניט.

ברעכט דער דיקער
ברעמער שטיקער
און דאָס פּרוכנע האָלץ עס שפּאַלט זיך
און עס האָט דאָס פויסטע־טירל
אויפגעפּראַלט זיך.

בלייבן ביידע שטיין און גאַפן
מיט די אויגן שטאַר און אָפן — —
מיט אַ ליידיקייט אַ פוסטער
אין דער בויד זיך אַנגעטראָפן — — —

## שטאָט פון פּאַלאַצן

שוואַרצע נאַכט —
אַ גייסט אַ בייזער —
דעקט די גאַס מיט שוואַרצע טיכער.
אויגן פיר
אין ווילדן בליצן
פינקלען,
ווי דורך שוואַרצע גלעזער...
ציינער קריצן
אין רציחה...

און דער דיקער שרייט און כעסט זיך
און זיין ברוינער פּנים בלאָסט זיך,
עפנט ס׳מויל און ווייזט די ציינער,
גיט אַ בייזן שפּיי אויף שטיינער:
אויפן מענטש פון הויט און ביינער
שפּיזט זיין בליק זיך ווילד אין פלאַמען:
— איי, אַ רוח אין דיין מאַמען!
האָסט געזאָגט, אַ גאַנץ פאַרמעגן
ליגט אין פּויסטע דאָ באַהאַלטן
און מיר וואַלטן לאַנגע יאָרן
שוין געהאַט צום טרינקען, עסן...
און מיר וואַלטן בייזן הונגער
אויך אויף לאַנג געהאַט פאַרגעסן...

שטייט דער דאַרער
אַזאַ שטומער און אַ שטאַרער
רעדט קיין וואָרט ניט
און ער רירט זיך פונם אָרט ניט
און די ליפּן זיינע צוקן:

## יצחק בערלינער

זיינע בליקן
אויפן דיקן
מיט א מוראדיקן קוקן
און די הענט אין קראמף און קלאמער...

כאפט דער גראבער באלד דעם האמער
און א זעץ אין קאפ פון דארן: —
— נא דיר, שוטה,
וועסט מיך נאכאמאל ניט נארן...

איז געפאלן אויף די שטיינער
דארער מענטש פון הויט און ביינער
מיט פארלאפן־רויטע אויגן
און געקארטשעט זיך אין ברומען
און אויף אלע פיר געקראכן
און פון טאש ארויסגעצויגן
שפיז געשלייפטע
און מיט פויסט אז איינגעשטייפטע
שפיז אין חברם בויך דעם פעטן
אריינגעשטאכן:
— נא, באהאלט מיר דא מיין מעסער...
— — — — — — — — — —

האט די נאכט — דער אומעט־זינגער —
מיט די לאנגע שווארצע פינגער
אלטע הארפע אנגעסטראיעט — —

זענען מיט א הונגער־ברומען
גאנצע מחנות הינט געקומען
און געוואיעט — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

מיט געהויל אַרומגעשפּרונגען
מיט אַרויסגעשטעקטע צונגען,
האָבן אָנגעהויבן לעקן
פון די שטיינער רויטע פלעקן — — —
— — — — — — — — — —

## יצחק בערלינער

— טעפּיטאַ!
געכאַוועטער וואַנדער פון פינסטערן טרויער,
געשוואָלענער קערפּער מיט וואונדן, וואָס פּלאַצן...
אין צאַרנדיק־בייזן און אייביקן לויער,
אַנטקעגן דיין גוף, שטייט די שטאָט פון פּאַלאַצן —

דער שטיינערנער מאָנסטער, מיט אויגן צעגליטע,
מיט שטאָלענע ציינער, וואָס בייסן און פרעסן
און זויגן די בלוטן פון האַרץ דיר — טעפּיטאַ —
געזונקענער עלנט אין שטומען פאַרגעסן...

די מענטשן דאָ דיינע — פאַרשטאַרטע סטאַטועז —
מיט לייבער פאַרברוינט, ווי פון קופּער געשמידטע;
זיי שלעפּן פאַר פוילקייט די טונקעלע שעהען,
וואָס שטאַרן, ווי זיי, אויף דיין רוקן — טעפּיטאַ...

# שטאָט פון פּאַלאַצן

און ס׳פּרעגלט די זון אויס דיין טונקעלע בלאַטע,
וואָס ליגט, ווי׳אַ געשוויר, אויף די שטיינטראָטואַרן...
און ס׳שפּרודלט די קרענק — אַט די שוואַרצע סוכאַטע,
פון דאַרע געשטאַלטן, וואָס שווייגן און שטאַרן.

וועט עמיץ דען פרעגן די מענטשן די שטילע,
פאַרוואָס אַזאַ פרייד, ווען די נויט איז אַ שווערע?...
און ווער וועט דען וואַגן צו טראַכטן אפילו,
אַז פרייד קען אויך הוליען, ווען ברוסט איז אַ לערע...

— — — — — — — — — —

דער הימל, וואָס הענגט איבער מאַרק פון טעפּיטאַ,
איז גרויער באַדעקן אויף לייב פון אַ טויטן...
די בוידן — אַ שוואַרצע און פוילנדע מיטה
אויף שטומען בית־עולם פון עלנטע נויטן...

# מעקסיקאַנישע נעכט

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## מעקסיקאַנישע נעכט

### א.

אין נעכט אַזוינע שוואַרצע,
קאַלטע,
שרעקעדיקע, טויטע,
ווען עס שטאַרט די שטאָט, די שטומע,
אין אַ פינסטערדיקן שטאַרן, —
קריכן אום
און שטיל זיך שאַרן
איבער אָפּגעלעבטע גאַסן
אויסגעבלייכטע קנעכט פון הונגער —
קינדער פון אַ רגע ליבע —
זוכן וואו אַ נאַכטגעלעגער
ביי אַ האַרטן, קאַלטן מויער,
איינצוטוליען
מידע גלידער —
הויט פאַרצויגענע אויף ביינער,
אויסגעטרוקנטע פון הונגער, —
מיט די גאַסנהינט
אויף שטיינער...

יצחק בערלינער

ב.

און אין רוישיקע סאַלאָנען,
און אין הייסע קאַבאַרעטן,
שפּרינגען אום די ווילדע קלאַנגען
פון פליט און פּויק און דזשאַז־אָרקעסטער
און צערייסן לופט אין שטיקער.
און די פיס, זיי טופּען, טרעטן
צו דעם טאַקט דעם אויפגערוישטן
פון אַ פאַקס־מוזיק־געפילדער,
ווי ס'וואָלט עמיצער געיאָגט זיי
מיט טייוולאַנישע אימפּולסן
אינם ים פון הייסע אָטעמס — —
און עס דרייען זיך די פּאָרלעך
מיט די אָרעמס פעסט פאַרוויקלט,
מיט די לייבער ענג פאַרפּרעסטע
אין די תאוותדיקע קאַנוואולסן...

ג.

אויף די גאַסן, וואו עס טונקלט,
און אויף ראָגן, נאָס באַרעגנט,
ביי לאָמטערנעס גרוי צעפינקלט,
שלייכן אום,
מיט טרויער שמייכלען,
מיט אַ ציניש טויטגעלעכטער,
אין אַן איינזאַמען פאַרטרויען,
בלאַסע פרויען
מיט אַ מאַסקע פון קאָסמעטיק
און זיי וואַרטן
אויף אַ זכר,
כדי צו קענען אים פאַרטיילן
אויפן הייסן זנות־געלעגער
אויסגעברענטע, טויטע תאווה
פאַר אַ שטיקל ברויט און פּודער...

## יצחק בערלינער

### ד.

און אין פענסטער האלב פארלאשן,
ווען עס רוט די נאכט פון מידקייט,
פרעסן איין זיך
אין די שויבן
גאנצע מחנות בלאסע שאטנס
פון די מענטשן
נישט געבוירענע אויף וועלט דא
פון אזויפיל הייסע זאמען,
וואס די צייט האט אויסגעגאסן
פון איר גיריק ווילדער תאווה...
און זיי שוועבן אום, די שאטנס,
מיט די ווינטן
ווילד צעשטורעמטע
און שרייען:
ס'פעלט אונז זונענליכט פון וועלטן,
ס'פעלט אונז אטעם און באוועגונג!
ס'האט אונז אייגן בלוט פארמשפט
מיט א טויט פון פאר געבוירן.
מיר פארזינקען — בלאסע שאטנס —
אינם אפגרונט פון פארגעסן...

# שטאָט פֿון פּאַלאַצן

## צוועלף אזייגער

צוועלף אזייגער.
נאכט — א בייזער
שאטנלייגער —
הילט די הייזער.
און דערשראקן
גלאקן
קלינגען,
קלאנגען
קלאנגן.
קולות זינגען
אוים געזאנגען
אויף די ראגן...

ווער מען דען צו קבורה פירן
ווער מען דורך דער נאכט דער בלינדער?
קלאגט דען עמיץ נאך א טויטן? — —

## יצחק בערלינער

ניין,
ס׳איז גרעסער נאָך דער וואונדער! —

ס׳זינגען קינדער
פון די קויטן
אויסגעלייגטע אויף פּאַפּירן
ביי פאַרמאַכטע קלייטן־טירן...

שטאָט —
דו שטיינערנער געלעגער —
אָפן איז דיין סוד, —
ס׳איז צוועלף אזייגער — — — —

# שטאט פון פאלאצן

## נאכט

אין פאלדיקע, שפעט-שעהאיקע, אומרואיקע גרימאסן
האט אונט ס'טונקל פנים איינגעקנייטשט זיך, ווי א טייוול —
דרימעז אויפגעלאזענע פון קעטעס ווייסן בייוול,
האט אפשיין פון די לעמפלאך אויסגעמאלן אויף די גאסן —

א שטומע שעה, א לוילעבע, קומט אז אין לאנד, וואו נאכט איז
די הייזלאך, ווי די זקנים, איינגעקארטשעט בלייבן זיצן:
און ס'דאכט זיך, אז די נאכט זי קנוילט ארוים זיך פון די שפיצן
פון בערג, ווי אויפגעוויקלטע צעקנוילטע שאטן-פלאכטעס — —

## יצחק בערלינער

# שטערן

נישט קיין גאסן, דא וואו מענטשן טרעטן,
נאר געשפאלטענע און טיפע טאלן — —
נישט מיט היינער פון גראניט און שטיינער
איז דאס לייב פון שטאט אזוי געשוואלן, —
ס'שטייען שורות לאנגע אורסקעלעטן
מיט פארטריקנטע און הוילע ביינער — — —

נישט קיין הימל איבער שטאט דער ברייטער,
נישט קיין שטערן פינקלען אזוי פריילעך, —
ס'האט דער אוונט גרויער, פארן שטארבן,
זיך ארויפגעדראפעט אויף א לייטער,
זיין פענדזל איינגעטונקט אין רויטע פארבן
און א שפריץ געטון אויף שווארצן ליילעך — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## שלאָפנדיקע גאַסן

הייזער שטומע — גרוילעכע און טונקעלע קאַנטורן —
שטאַרן אין דער נאַכטישקייט מיט שטיינערדיקן שווייגן.
גייען אויף, ווי פידלקלאַנגען, הויבן זיך און שטייגן,
טריט פון מענטש באַנאַכטיקן און לאָזן ניט קיין שפּורן.

און לאָמטערנעס, דין און דאַר, ווי עלנטע פיגורן,
קוקן אין דער פינסטערניש מיט אויגן איינציק רויטע;
טרויערן אין שווייגעניש, אַזוי ווי נאָך אַ טויטן,
ציטערן מיט בעלמע אויגן שלעפעריקע, זשמורעוו.

וואָונישטוואו אַ מענטשעלע מיט וואַקלדיקן טרעטן
קלאַפּט זיך אָן אַן מויערן אין שכרותדיקן וואַנדער.
ערגעץ לויפט אַן אויטאָ ווילד און ברומט זיך בייז פּאַנאַנדער.

און פון פענסטער אָפענע פון בלויע קאַבאַרעטן,
שאַלט אַרויס אַ פאַקסטראָט־ליד מיט תאווהק־ווילדע שפּאַסן,
וועקנדיק די שטילע נאַכט, וואָס ליגט אויף שוואַרצע גאַסן.

יצחק בערלינער

# יעדע נאַכט

יעדע נאַכט —
ווען כ׳גיי די גאַס פאַרביי,
וואו כ׳וואוין, —
זע איך אַ פאַרשוין
מיט אויגן לעבערדיק און שוואַרץ,
ווי נאַכט אַליין;
און עפּעס אַ געוויין —
אַ כוואַליעדיקער קרעכץ
דורך זיינע געלע ציינער
קוועלט.

שטעל איך זיך אוועק
מיט אַנגעשפּאַרטער האַנט
ביי גרויער
וואַנט
און טראַכט:
אפשר זאָל איך פרעגן אַט דעם מענטש
מיט אומבאַקאַנטער האַרטער שרעק,
ווי נאַכט, —
וואָס איז זיין באַגער? —
גיי און פרעג —
אַז אויגן זיינע
גלאַצן שטאַר
אין שוואַרצן לער
פון נאַכטיש אויסגעהוילטן
האַרץ. — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## אַ מענטש וואָס האָט פאַרלוירן פרייד

עס גייט אַ מענטש אין גאַס און פילט ניט זיינע שווערע טריט,
וואָס קלאַפּן אויס אויף שטיינער שטומע אַזאַ שטומען סוד;
אַ מענטש, וואָס האָט פאַרלוירן פרייד, האָט אויך פאַרלוירן גאָט,
וואָס ריזלט אינם בלוט, אין יעדן זינגענדיקן גליד — — —

די פאַדעשוועס פון זיינע פיס — פאַרהאַרטעוועטער זויל —
זיי טאַפּטשען אום אויף גאַסן קויטיקדיקע פויל און מיד,
די אויגן זיינע קוקן סתם אַזוי אין שטאַרן הויל
פון בייזער נאַכט דער פינסטערער, וואָס זינגט אַ פינסטער ליד.

און זיין געשטופּלט טונקל פּנים איז אַ פּראָטאָטיפּ
פון אַן אַצטעקישער סקולפּטור, ווי אויסגעהאַקט פון שטיין — — —
עס קוילערט זיך אַרויס פון האַלז אים אַזאַ שטום געוויין,
וואָס זיפּט זיך דורך דורך זיינע געלע ציין, ווי דורך אַ זיפּ...

## יצחק בערלינער

פון אקסלען הענגען אים אראפ די הענט, ווי העלצער צוויי,
מיט פינגער, ווי פארזשאווערטע און לאנגע שטיקלעך גוס.
וואס האבן שוין פון לאנג צעקוועטשט זיין גרויליקן געשריי,
וואס האט ווי שרעק אין בייזע נעכט, געריסן זיך פון ברוסט — — —

ס׳איז ברייט די וועלט, נאר ס׳איז דעם מענטש דא אזוי ענג און קליין,
באטש ס׳הענגט א בלויער דאך מיט העלע, בלישטשענדיקע קרעל — — —
ער פילט שוין אויך דעם הונגער ניט וואס טריקנט אים די קעל, —
ער קוויקט זיך מיט זיין אייגן צער, וו׳א הונט מיט דארן ביין — — —

א מענטש, וואס שפאט און לאכט זיך אוים פון יעדער וועלט־געפאר,
ווי ס׳לאכט דער ווינט פון וואנדערער אין מדברדיקער וויסט.
פילט אפרו־פרייד זיין גוף אויף קאלטן, הארטן טראטואר,
ווי ס׳פילט א קינד א שלאפנדיקס ביי מאמעס ווייכע בריסט.

עס גייט א מענטש אין גאס און פילט ניט זיינע שווערע טריט,
וואס קלאפן אוים אויף שטיינער שטומע אזא שטומען סוד — —
ס׳איז שטיל אין אים דאס בלוט, א שטיין געווארן יעדעס גליד — —
א מענטש, וואס האט פארלוירן פרייד, האט אויך פארלוירן גאט — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## נאַכטלעגער

### I

גנעוען כ׳האָב: — אַ מענטש איז געשטאַנען אין ראָג און געציטערט,
מיט אויגן פאַרבלאָנדזשעט געקוקט אין די טונקעלע גאַסן,
מיט ליפּן פאַרקוועטשטע, מיט פּנים מיט טויטלעכן בלאַסן,
אין אייגענעם לעבן פאַרפרעמדט און אויף שפּענדלאַך צעשפּליטערט.

אַ הונט, מיט אַ האַלז אַ געקאַרבטן, מיט אויגן פאַרביטערט,
ט׳געציטערט פון שרעק, ווי אַ האָז פונם שאָס פון אַ יעגער.
געשטאַנען איז הונט מיטן מענטש ביי דער וואַנט אַן געלעגער
אויף אָפענער גאַס, וואו דער רעגן האָט פיינלעך געוויטערט.

געזען כ׳האָב: — אַ האַנט האָט געריסן פון וואַנט די אַפישן,
געלייגט זיי אויף קאַלטע און בלאַטיקע שטיינטראָטואַרן;
געטוליעט זיך מענטש מיטן הונט אויף פּאַפּירענעם קישן...

אוןביידע געחלומט: — זיי גריזשען פאַרוואַרפענע ביינער
ביים מיסטקעסטל דאָרט, ביי פאַרכמורעטע, גרויע פּאַנאַרן — —
אַ חלום פון הונגער אויף קאַלטע און בלאָטיקע שטיינער...

# יצחק בערלינער

## II

אין שטאָט איז גרוי די נאַכט, ווי אויסגעברענטער קויל,
נאָך אויסגעהויכטן טאָג פון אָטעמדיקן לעבן.
פון ראָג צו ראָג זיך ציט, ווי מאַטע שפּינגעוועבן —
געפּייף פון פּאָליציאַנטן — אומעטיק און פויל.

און ווייט דאָרט, הינטער שטאָט, אויף גרויען שטויב און שטיין,
דאָרט שפּרייזט אַרום די נאַכט אויף שלאָפנדיקן דלות
און לייגט איר ביינערהאַנט אויף פינסטערע כאַקאַלעס, —
דאָרט בילן דאָרע הינט מיט שטומפּיקן געוויין...

און ערגעץ שטייט אַ מענטש און רייסט פון וואַנט פּאַפּיר,
וואָס דינט אים פאַר אַ דעק אויף שטיינער האַרטע, רויע.
אַזעלכע אומעטום זיך שאַרן שאָטנס גרויע

און זוכן וואו אַ שוועל ביי אַ פאַרמאַכטער טיר...
און יעדערער פאַר זיך, מיט קערפּער מידן, דאַרן,
זיך טוליעט מיט זיין הונט אויף קאַלטע טראָטואַרן...

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## ווען הונט פּאַראײַנזאַמטער

ווען הונט פּאַראײַנזאַמטער, וואָס ציטערט אויף אַ קאַלטער, האַרטער שוועל
און בילט אַזוי, מיט אָפן מויל אַרויף, מיט וועלפּישן געהויל — —
און ס'ליגט די נאַכט אַזוי שטומשווײַגנדיק, מיט אימהדיקן גרויל,
וואָס ציט זיך ביז צום שוואַרצן הימל מיט די בלישטשענדיקע קרעל. —

בלײַבט דעמאָלט יעדע שעה בײַנאַכטיקע פֿאַרגליווערט שטיין אין ריר
און שווערע פינסטערניש — אַ בר־מינן — צעלייגט זיך האַרט און שטײַף — — —
עס טראָגט דער ווינט אויף זיך דעם סווישטש פון פּאַליצייאישן געפײַף,
וואָס קוילערט זיך אַרײַן אין הוילער אָפּנקייט פון יעדער טיר — — —

און אינעווייניק ליגן מענטשן, ווי די פּעקלאַך אײַנגעדרייט,
און ס'דאַכט זיך, אַז ס'איז יעדער איינער דאָ אַ גרוזשענדיקער קראַנק — —
עס איז זיי ליב אַזוי צו לעבן מיט דער וואָר פון פּײַן און שפּאַט,
וואָס וויסטער גורל האָט אויף מדבר־יאָרן זייערע פאַרזייט — — —

און יעדער טאָג — אַ רינג אַ ראַסטיקער פון לאַנגער שווערער קייט
וואָס פלעכט אַרום דעם פוילנדיקן קערפּער פון אַ האַלבער שטאָט — — —

## יצחק בערלינער

# AMOR

דאָס בעט — די הוילע, פּייכטע ערד — פאַר צווייען איז צו שלאָפן:
פאַר אים — אַ נעגאַטיוו פון מענטשגעשטאַלט — און פאַר זיין פרוי;
עס מישט זיך אוים דער ווילגאַטש מיט געדוך פון אַלטן שטרוי,
וואָס זאַפּט זיך איין אין זייערע צעברענטע ברוינע גופן — — —

עס ווינט דער ווינט די טיר, וואָס קלאַפּט, ווי טיקטאַקס פון אַ זייגער;
די קילע לופט — אַ צודעק פאַרן גליענדיקן לייב — —
וואָס פעלט אַ מענטש אַזאַ, וואָס האָט דערנעבן ס'אייגן ווייב
צו קאָנען טיילן זיך מיט רגעס פרייד אויף מיסטנעלעגער?...

וואָס אַרט אים, אַז דער קאַלטער ווינט ער שרייט אַזוי און יאָמערט,
אַז נאַכט די שוואַרצע הילט אים, ווי אַ מאַמע הילט אַ קינד? — —
עס מעג אפילו רייסן שטיקער פון זיין שטוב דער ווינט,
ווען ס'גליק איז אַזוי נאָנט צום לעבנדיקן לייב געקלאַמערט — — — —

ס'האָט נאַכט אים הייסע שעהען אויף זיין קערפּער אויסגעהאַמערט,
אַז ווי סטער גורל האָט שוין אויך קיין שליטה נישט אויף אים — — — —

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## שוואַרצע אַספאַלטן

שוואַרצע אַספאַלטן —
צעשפּרייטע מאַטראַצן —
פון שטיינערנע גאַסן
אין שטאָט פון פּאַלאַצן, —

אַ, זאָגט, וויפיל קינדער
מיט דאַרינקע גופן
עס ליגן מיט הינטלאַך
געטוליעט און שלאָפן?...

דערציילט, וויפיל ס׳שפּאַנען
פאַרוואַרלאָזטע ברואים
אויף אייערע האַרטע
און שווייגנדע שטיינער?

און וויפיל פאראנעז
מיט תאווה־חטאים
פרויען פארדארטע
מיט זינד אין די ביינער? — — —

א שטיינער,
זאגט עדות, —
וואס שווייגט איר און רעדט ניט? —
צי איז דען א פרייד דאס,
וואס מענטש האט קיין בעט ניט?

א, זאגט מיר, פאר וועמען
פאראיינזאמטע פרויען
דארפן זיך שעמען
די לייבער, צו טרויען,

וואס זענען מיט פייער
אין בלוטן באשאנקען? —
ס'איז תאווה אויך טייער
ביי מענטשן וואס בלאנקען — — — —

וואס שווייגט איר דען שטומע
אין נאכטישער אימה
און קוקט, ווי עס קומען,
אז ברויט און אז היימען,

פארדארטע געשטאלטן
מיט בליקן מיט וויסטע
און גראבלען מיט פינגער
אין בלעכן מיט מיסטן?...

# שטאָט פון פּאַלאַצן

צי האָט עס אַ זינען,
אַז איינער נאָך איינעם,
ווי פּויזנדע ווערים,
אַן היימען, אַן קיינעם,
זאָל גאַרנישט געפינען
אין אייערע געדערים? — — —
— — — — — — — — — —

שוואַרצע אַספאַלטן, —
האָט נאָכט דען אַן אוצר ביי אייך דאָ באַהאַלטן?...

# אויף באַרניקע ווענט

## ווייסן מענטשן...

זענען פעלדער פול מיט בליטן און די שפּייכלערס אַנגעזעטיקט,
נאָר, ס'ווייזט אויס, עס האָט דאָס מזל פאַר די מענטשן זיך פאַרשפּעטיקט — —

איינן פּראַצע פּוילט און וויאַנעט אין די שפּייכלערס צוגעהאַמערט
און די נויט — אַ רייף אויף ברוסטן, קלאַמערט זיך און קלאַמערט...

ס'וואַרפט דער הימל שפּע גאָלד און וויקלט זי אין בונטן — —
זאָל איך בענטשן אַט דעם טאָג דעם ליכטיקן באַזונטן? — — —

ס'ליכטיקט אַלץ און ס'וואַרעמט אַלץ און ס'ווערט דאָס זיין דאָ ליבער,
ס'לינט אויף פעלדער גאָלד אַ סך, נאָר ברויט פעלט אויס אין שטיבער...

אַז דער טאָג אַ קמצן ווײנט מיט טרערן גאָלדענע און יאָמערט — —
ווייסן מענטשן, אַז דער קאָרן פּוילט אין שפּייכלערס צוגעהאַמערט — — —

אַז די זון ווי אַ מכשפה, פּאַקוסט כּישוף דורך די ברעמען,
ווייסן מענטשן, אַז דאָס ברויט, וואָס פּוילט אין שפּייכלערס, איז פאַר קיינעם — — —

יצחק בערלינער

# מעקסיקאנישע וועגן

סטעפעס און סטעפעס — וויטבארגיקע סטעפעס
פארהילטע אין בלויע דורכזיכטיקע שאלן,
ווי נאקעטע פרויען אין טולענע שלעפעס
אויף זוניקע ימען מיט גאלדענע וואלן — — —

פעלדער און פעלדער אויף בארגיקע הויטן
מיט צייטיקע קאניאס וואס שטייפן ארויס,
ווי נעלע צעצונדענע זוניקע קנויטן,
וואס לעשן זיך לעשן און גייען נים אויס — — —

וועגן און וועגן — קרומבארגיקע וועגן,
עס פלאנטערן איין זיך אין אייך מיינע טריט. —
א זומערדיק שווייגן אויף אייך כ׳האב באגעגנט
וואס צערטלט און ווארעמט און ברענט און צעגליט.

ביימער און ביימער, ווי הענט אויסגעצויגן
אין תפילהדיק בעטן צום גאלד־האריזאנט —
כ׳האב טיף אייער שטילקייט אין זיך איינגעזויגן,
מיין היים אין דער פרעמד ווערט מיר ליב דא און נאנט.

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## סטעפּעס

עס ברענט דאָ און פלאַקערט די זון אויף די סטעפּעס — —
דער טאָג איז געפאַלן אין גליאיקן קיילעך — — —
די שעהען, ווי נאַנעס פאַרהילטע אין קעפּעס,
קריכן פּאַמעלעך — — —

זיך שאַרן אינדיאַנער, מיט אייזלען אינאײנעם,
פאַרוויקלט די גופים אין ברוינע קאַביכעס — —
עס שפּיצן די זאַמדבערג, ווי קעפּ פון זקנים
מיט געלבלעכע פּליכעס — — —

פון ערגעץ אַן אויטאָ — אַן אורח אַ פרעמדער —
צעיאָגט דאָ די שטויבן ביז בלוידעס פון הימלען — —
די סטעפּעס, ווי וואַגלער מיט אָפענע העמדער,
ליגן און דרימלען — — —

יצחק בערלינער

## ליכטיקע טעג

אונטער טראַפּישער זון האָב איך ליב זיך צו טוליען
צו דער היים־ברוינער ערד, אין די גלוטן פון שטראַלן —
זאָל מיין עלנט אין פּיצלעך, אין שטויבן צעפאַלן
אַז די פרייד אינם האַרצן זאָל זינגען און הוליען.

ס׳איז דאָס זוניקע לאַנד דאָ מיר נאָענט און אייגן
מיט די באַרגיקע לאַנקעס, די וועלדער און גראָזן —
כ׳האָב ערגעץ מיין יוגנט אַ גרויע געלאָזן
אינם עבר אין ווייטן אויף ווילד־פרעמדע וועגן.

און כאָטש איך בין דאָ ניט נעכאָוועט, געבוירן —
האָב איך ליכטיקע טעג דאָ און ס׳העלט מיר דער מאָרגן
און מיין אומעט איז ערגעץ געגאַנגען פאַרלוירן.

איך האָב זיך געלייטערט אין פייער פון זונען,
מיט זוניקע פינגער מיין טרויער דערוואָרגן,
און מיין פרייד כ׳האָב אין טראָפּישן לאַנד דאָ געפונען.

## פעלדער

אַזויפיל שטילקייט ליגט —
געדולד האַרט־שטאַלענער
אויף װעגן באָרגיקע,
אויף ערד געשוואָלענער
און קרומער.

אינדיאַנער ברוינלעכע
די פעלדער אַקערן;
די אויגן זייערע —
שוואַרצע פלאַקערן
און שטומע.

די אָקסן גרוילעכע
דעם אַקער ציענדיק
אויף פעלדער זוניקע,
וואו טאָג איז גליענדיק
און ברענט דאָ.

מאָיס וועט אויפגיין שטיל,
ווי דאָרפישער געזאַנג,
אויף פעלדער דרימלענדע,
וואָס זענען מיר שוין לאַנג
באַקאַנט דאָ.

## יצחק בערלינער

# גאָלדענע גאַרבן

ליגן גאָלדענע גאַרבן אין זילבערנעם טאָל,
העלט די גרויקייט אַרוים פֿונם שפּעקן פֿלאַך.
און די זון וואַשט דעם טאָג מיט צעגאָסענעם שטאָל
און באַפאַרבט מיט אַ נעלקייט אויף בוימער דעם סכך.

ווערן בערג אַרום ליכטיקער, ליכטיקער, בלוי —
שפּאַרן־אָן זיך מיט שפּיצן צום גאָלד־האָריזאָנט.
אין אַ גליאיקן טאָג אַזאַ ווילט זיך אַזוי
זיין צו זיך אַליין איינגן, צו גליק אַזוי נאָענט...

און די שטילקייט איז וואַרעמער גלעטנדער טול —
הילט אַרום מיין נשמה אין זוניקן קלייד, — —
דאָס לעבן איינגאַנצן איז ווערט נאָר אַ נול
קעגן גליק אַזוי פֿיל אין אַ רגעלע פֿרייד...

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## פרילינג אייביקער

דער פרילינג אייביקער, וואָס גרינט דאָ אינם לאַנד דעם טראָפּישן,
בעט־אויס די באָרגיק־קרומע ערד מיט גרינע גלאַטע סאַמעטן, — —
און זוכן דאַרף מען דאָ, מיט אויג מיט שפּיזיק־טעלעסקאָפּישן,
אַ בוים פאַרוויאַנעטן.

איך וואָלט נאָך זעען כאָטש געוואָלט אַווינטער אַזאַ שנייאיקן
ווי ס'פאַלן שנייעלאַך, ווי שטיקלאַך וואָל פון שעפּס געשוירענעם,
און ס'לויפן זאַוויערוכעס מיט אַ יאָמער אַ לויהקן
נאָך טאָג דערפרוירענעם.

איך וואָלט נאָך זעען כאָטש געוואָלט ווי ס'לויפן אום די קינדערלאַך
און גרויסע שטיקער קוילן שניי וואַרפט איינער אויפן אַנדערן.
און כאָטש דער פרילינג אייביקט און ס'איז אַלץ דאָ אַזוי וואונדערלעך,
ווילט זיך וואַנדערן.

## יצחק בערלינער

# אין דאָרף

ערד איז גרוי און אויפגעשוואָלן —
בלויע בערג אין גרינע טאָלן —
נים מיט רונצלענדיקע שאָלן
אויסגעשאָטן צווישן בלומען.

בוימער וויקלען זיך און פלאַנטען —
גלעטן שטיל די האָריזאָנטן,
ווי אַז אייגענעם, אַ נאָנטן
וואָלטן זיי אַרומגענומען.

פורצע, קלייניקנע כאַקאָלן
אויף דער קרומער ערד צעפאָלן,
ווי די שיפעלאַך אויף וואָלן
אין אַ זונען-ים צעשוואומען.

## שטאָט פון פּאַלאַצן

און אינדיאַנער מיד זיך שלעפּן
באַרגאַרויפצו, ווי אויף טרעפּן,
און עס דאַכט, זיי בלייבן קלעפּן
אין די באַרגיק־טיפע שפּאַלטן.

אוונט פאַלט אויף בוימער, גראַזן,
שאָטנס שפּרייטן זיך, צעלאָזן,
און א ווינטל הויבט אָן בלאָזן
מיט אַן אָטעם מיט א קאַלטן.

טוט זיך אָן דער טאָג א שלייער
און דער אָוונט לעשט דאָס פייער...
בייזערט זיך דער ווינט, דער שרייער,
וואָס דער טאָג האָט זיך באַהאַלטן.

## יצחק בערלינער

# טענאַנגאָ דעל וואַיע

דער אויטאָ אין גערעג — —
אַ באַרג נעבן וועג,
אינדיאַנישע הייזלאַך — צעשטעלט אינדערהויך —
בלאַטערן אויף הויקערדיקן רוקן
פון אַ מענטש, וואָס ליגט אויפן בויך — — — —

אַ הוזשענדיקער ווינט איבערן שליאַך —
אַ טשאַרראָ אין ווילדן גאַלאָפּ — —
און הויך איבער באַרגיקע לאַנקעס
ליכטלאַך זיך צינדן און צאַנקען — — —

פענסטערלאַך בלישטשען — —

די נאַכט —
אַז אַלטיטשקע מיט אַ טוך איבערן קאָפּ —
אויף אַ קערבער אַ קראַנקן —
שטעלט באַנקעס — — —

## שטאָט פון פּאַלאַצן

### אַנזוניקער טאָג

די בערג איינגעקאַרטשעטע זיצן, ווי קראַנקע,
פאַרהילט ביזן קאָפּ מיט פאַטשיילעס מיט וואָלענע — —
עס שטאַרן פון דר'ערד אַרוים דעמבענע פּענקעס,
ווי קינדערשע בייכלאַך פון הונגער געשוואָלענע — — —

א דאָקטאָר — דער טאָג — מיט אַ באָרד אַזאַ גרויליקע,
שטעלט אוים יעדע שעה — מעדיצינישע סלאָיקעס — —
די כמאַרעס — צעקנייטשטע און וויסלעכע ליילעכער —
פאַרדעקן די בערגלאַך — שפּיטאָליקע קויקעס — — —

## יצחק בערלינער

# ביים אָפּגרונט פון טאָג

ביים אָפּגרונט פון טאָג האָב איך ליב אַזוי שטיין און צו וואַרטן
אויף שעהען, ווי זילבערנע גלעקלאַך, וואָס קומען אַנטקעגן.
כ'האָב ליב אַזוי שטיין און צו קוקן אויף באַרגיקע וועגן,
ווי ס'קלאַפּן די רעדער פון פורן אויף שטיינברוק אויף האַרטן.

כ'האָב ליב דאָס פּאַמעלעכע שאַרן פון אייזלען, ווי כאַרטן,
וואָס ציען אין לאַנגע שערענגעס מיט האַלץ אויפן רוקן,
אינדיאַנער מיט טעפּ אויף די פּלייצעס, וואָס טאַמעוואַט קוקן
מיט בליציקע אויגן פון קופּערנעם פּנים פאַרדאַרטן.

כ'האָב ליב דאָס צעפּאַלן פון זוניקע פלעקן אויף שפּיצן
פון ריזיקע בערג, ווי די קעפּ פון גיגאַנטישע חיות;
ווי אויערן שפּיציקע שטאַרן פון זיי די מאַגעיעס.

כ'האָב ליב דעם צעפּרעגלטן ערד־גוף פון גליאיקע היצן —
וו'אַ בלוילעכער כוואַליקער קנויל אין אַ ים אַ פאַרשטאַרטן.
כ'האָב ליב אויף די באַרגיקע וועגן צו שטיין און צו וואַרטן.



## שטאָט פון פאַלאַצן

### הילט מיך...

הילט מיך, קילע, שטילע, גרוילעכע פאַרנאַכטן;
כ'האָב דעם גאַנצן טאָג זיך אונטער זון געבראָטן.
כ'קום צו אייך אַ מידער מיט אַ גאַנג אַ זאַכטן.
לאָזט מיך איצטער רוען אונטער אייער שאָטן
נאָך אַ טאָג אַ שווערן, נאָך אַ טאָג פאַרשמאַכטן.

הילט מיך קילע, שטילע, גרוילעכע פאַרנאַכטן.
כ'ווייס ניט ווער עס האָט מיר ס'גליק אין האַרץ פאַרשלאָסן, —
וואַרפט עס זיך און רייסט זיך פונם האַרץ פאַרמאַכטן.
ס'פּנים פונם טאָג איז פול מיט בלוט פאַרגאָסן —
כ'ווייס ניט ווער עס האָט דעם העלן טאָג געשאַכטן...

הילט מיך, קילע, שטילע, גרוילעכע פאַרנאַכטן,
וויקלט מיך אין מאַנטל אייערן, דעם גרויען;
אַז כ'בין אויך אַ שאָטן, זאָל זיך אייך אויסדאַכטן;
כ'וויל אין אייער טונקלען זיך מיט האַרץ פאַרטרויען,
כ'וויל פאַרגעסן טאָג, פון נייע טעג כ'וויל טראַכטן.

## יצחק בערלינער

# שטאַרבנדיקער טאָג

דער מידער טאָג אין אומטיקן דרימל
פאַלט,
שטאַרבט — —
און רגעס אומעטיקע, שאָטנס גרויע,
שפּרייטן...

און האַנט פון זון אויף קאַנטן פונם הימל
מאָלט,
פאַרבט
אין גסיסה־בלוטנדיקע, רויטע, בלויע
קווייטן...

דער אימהדיקער ווינט מיט פינגער קילע
רייסט,
צופּט
אויף שעהען, ווי אויף ציטערדיקע סטרונעס
פון באַנדורע — —

די בייזע נאַכט — אַ פינסטערער און שטילער
גייסט —
שטופּט
דעם טויטן טאָג, וואָס ליגט אין שוואַרצע טרונעס,
צו דער קבורה...

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## אָוונט אין סטעפּ

שפּעטע שעהען
צינדן
בלוטיק־רויטע פלאַמען — — —
אָוונט־ווייען
גליען — — —

כמאַרעס גרויע — אייזלען־סטאַדעס —
ציען זיך און ציען
און פאַרגייען
און פאַרשווינדן
ערגעץ אין די שוואַרצע טאָלן.

סטעפּעס דרימלען — —
קאַקטוסן מיט גרינע טונעס,
ווי פאַרגליווערטע געשטאַלטן,
שבּילן, שפּילן אויס באַלאַדעס
מיט צעשפּרייטע פינגער שטאַרע
אויף די סטרונעס
פון דער בלוטיקער גיטאַרע
וואָס די זון האָט אויסגעמאָלן
אויף די הימלען — — —

## יצחק בערלינער

# זונלאַנד

אויף טראָפּישע סטעפּעס אין וואַגלען
כ׳וויל ווערן אַ ווינטל און בלאָזן
און טרינקען פון זוניקע לאַגלען
די פרייד פון די ביימער און גראָזן.

אַ שטראַל פון דער זון וויל איך ווערן
צו טוליען די בערג, ווי די קינדער, —
ביינאַכט אויפן הימל אַ שטערן —
און אויג, וואָס זאָל זען שוואַרצע וואונדער — — — —

אַ, זונלאַנד, ביזט אַנדערש פון לענדער
מיט פּראַסטיקע טעג אויף די וועגן,
אַ וואַגלער בין איך דאָ אַ פרעמדער —
איז גאָלד פון דיין זון מיין פאַרמעגן.

איך בין אויף דיין לייב ניט געבוירן,
נאָר אַלץ איז מיר דאָ אַזוי אייגן — —
כ׳וויל זיין אויף דיין הימל אַ שטערן —
און אויג, וואָס זאָל זען און זאָל שווייגן — — — —

## די צייט איז אַ מילנער

פֿעלדער פֿאַרגאַסן
מיט זילבער פֿון זונען,
און באַרג־וועלדער קרומע
מיט אייביקן גרין —
אַ, זאָגט מיר, וואו קען איך
מיין פֿרייד דאָ געפֿינען,
מיין פֿרייד וואָס׳ט פֿאַרבלאָנדזשעט
און כ׳ווייס ניט וואוהין?...

איך האָב זי געזוכט
אין קרומוועגיקע טאָלן,
אויף סטעפּעס, אין שטעט
און אויף שטעג און אויף וועג...
די צייט איז אַ מילנער
און האָט זי צעמאָלן —
די גאָלדענע פֿרייד —
אינם לויף פֿון די טעג...

## יצחק בערלינער

נעלאזט כ'האב פון הינטן
מיין קינדהייט א ווייסע
דארט ערגעץ אין פוילן
אויף ברייט־פלאכער ערד,
מיין טאטע דערציילט האט
אמאל מיר א מעשה
פון עפּעס א רייטער
מיט גאלדענעם פערד...

די יארן — פארגאנגען,
און איך בין דער רייטער
און שווארץ איז מיין פערד
מיט פארריסענעם קאפּ.
צו גליק אויף דער ערד
איז דער וועג אזא ווייטער — —
מיין פערד איז געפאלן
אינמיטן גאלאפּ...

דורך שטעט און דורך פעלדער,
דורך בערג און דורך טאלן
אליין בין געגאנגען
פון קיינעם באגלייט,
ווייל צייט איז א מילנער
וואס האט מיר צעמאלן,
אויף זאמדן, אויף שטויבן,
מיין גאלדענע פרייד...

# שטאָט פון פּאַלאַצן

## אויסטייטשונגען פון מעקסיקאַניזמען

**א.**

**אידאַלאָס** — געצן.

**אַנאַהואַק** — דער נאָמען פון מעקסיקע פאַר דער שפּאַנישער דעראָבערונג.

**אַנאָפּרע** — אַ פּירקאַנטיק בלעכן קעסטל, וואָס דינט פאַר אַ קיד ביי די אָרימע מעקסיקאַנער.

**אַנים** — זיסער בראַנפן.

**אַצטעקן** — קריגערישער אינדיאַנער־שבט אין צענטראַל־מעקסיקע.

**ב.**

**באָלעראָס** — שיכפּוצערס.

**ג.**

**גאַטשופּינעס** — אַ זידל־נאָמען אויף די שפּאַניער.

**ד.**

**דעסיערטאָ דע לאָס לעאָנעס** — „דער מדבר פון די לייבן" — אַ געגנט נעבן דער הויפּט־שטאָט, וואו עס שטייט אַ טעמפּל פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע.

**ה.**

**הואַראַטשעס** — לאַטשן פון לעדערנע פּאַסקעלאַד, וואָס ס'פלעגן באַנוצן די אָמאָליקע אַצטעקן. (די היינטיקע אינדיאַנער טראָגן זיי נאָך אויך).

**הואיטשילאָפּאָטשטלי** — אַ גאָט, צו וועמען די אַצטעקן האָבן געבראַכט מענטשלעכע קרבנות פון זייערע קריגס־געפאַנגענע, ביי וועלכע מען האָט אויסגעשניטן די הערצער.

**הערנאַן קאָרטעס** — דער דעראָבערער פון מעקסיקע.

**וו.**

**ווירכען** — הייליקע יונגפרוי.

**ט.**

**טאמאלעס** — מעקסיקאנער מאכל, געמאכט פון קוקורוזע־טייג.
**טאלטעקן** — אינדיאנער־שבט.
**טאסטאן** — א מטבע פון פופציק סענטאוואס.
**טארטיאס** — קוקורוזע־פלעצלאך.
**טארטיעריא** — א סארט בעקעריי, וואו עס ווערן געבאקן טארטיאס.
**טונעס** (Tunas) — קאקטוס־פרוכטן.
**טעאטיהואקאן** — א געגנט, וואו עס שטייען די פיראמידן פון דער זון און לבנה.
**טענאנגא דעל וואיע** — א נאמען פון א מעקסיקאנער דארף.
**טעפאטשע** — א געטראנק פון טראפישע פרוכטן.
**טעפיטא** — דער ארימסטער און אויך דער שמוציקסטער קווארטאל אין דער הויפטשטאט פון מעקסיקע.
**טעקילא** — מעקסיקאנער בראנפן.
**טשארראס** — בארימטע מעקסיקאנער רייטער און אקסנצאמער.
**טשארראַ־היט** — טוכענע און באפוצטע היט מיט ברייטע ראנדן.

**כ.**

**כאקאלעס** — כאטעס.
**כארראס** — לייטענע קרוגן.

**מ.**

**מאגעיעס** — דערנער־פלאנצן, פון וועלכע מען ציט ארויס פולקע און אויך מעסקאל.
**מאיאס** — אינדיאנער־שבט אויפן האלב־אינזל יוקאטאן (מעקסיקע) און גואטעמאלא.
**מאיס** — קוקורוזע.
**מאניאניטאס** — פרימארגן־לידער, וועלכע ווערן געשפילט פאר די פריינט אדער געליבטע.
**מאריהואנא** — נארקאטיק.
**מעסקאל** — מעקסיקאנער בראנפן.

**נ.**

**נאהאאס** — א ראסע, וועלכע האט אמאל עקזיסטירט אין צפון־מעקסיקע.

## ס.

סאַראַפּעס — פּילקאָלירטע וואָלענע טיכער, וואָס ווערן באַנוצט אַנשטאָט מאַנטלען.

סענטימיענטאָ — שטימונג — אַן אייגנאַרטיק געמיש פון כלערליי געפילן, — ווי טרויער, פרייד, גוטסקייט, רציחה א. א. וו. „סענטימיענטאָ" איז ניט דער באַקאַנטער „סענטימענט".

סעניאָריטאַ — פרייליין.

## פּ.

פּאַפּאַ — פאַרקירצונג פון פּאָפּאָקאַטעפּעטל.

פּאָפּאָקאַטעפּעטל — „שוואַרצער מאַן" — באַרימטער וואולקאַן־באַרג, אין מעקסיקע, באַדעקט מיט אייביקן שניי.

פּויסטעס (Puestos) — מאַרק־בוידן.

פּולקע — ספּעציפיש מעקסיקאַניש שיכור-געטראַנק.

פּולקעריאַ — אַ שענק, וואו מען פאַרקויפט פּולקע.

פּורישימאַ ווירכען מאַריאַ — הייליק־ריינסטע יונגפרוי מאַריאַ.

פּעטאַטעס — ראַגאָזשעס, אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, אויף וועלכע אָרימע מעקסיקאַנער שלאָפן.

פּערפּעטואַ סאָקאָררע — געטין פון אייביקן העלפן.

## ק.

קאַביכעס — פּאַטשיילעס.

קאָדיסעס — היסטאָרישע מאַנוסקריפּטן וועגן אַלטערטימלעכקייטן.

קאָנוועגט (Convento) — אַ קלויסטער.

קאַנטינאַס — שענקן.

קאַניאַס — צוקער־רערן.

קאַפּוטשין — אַ מאָנאַך פון פראַנציסקאַנער אָרדן.

קואַוטעמאָק — דער לעצטער קעניג פון די אַצטעקן.

## ר.

רעבאָסאָס — פרויענשאַלן.

## ש.

שטאָט פון פּאַלאַצן — דער פּסיידאָ-נאָמען פון דער הויפּט־שטאָט אין מעקסיקע.

# אינהאלט

## אויף דער זייט ים


| | |
|---|---|
| אויף דער זייט ים | זייט 17 |
| הורבות דערמאָנען | " 23 |
| דעסיערטא דע לאָס לעאָנעס | " 26 |
| טעאָטיהואַקאַן | " 28 |
| פּאָפּאָקאַטעפּעטל | " 30 |
| ירושה־ברעקלאַך פון אַנאַהואַק | " 32 |


## שטאָט פון פּאַלאַצן


| | |
|---|---|
| קאָנטראַסטן | " 37 |
| אין די קויטיקע געסלאַך פון שטאָט | " 41 |
| שטאָט מיט בלאָטיקע קאָלוזשעס | " 43 |
| היימען | " 44 |
| גראַטים | " 45 |
| געסלאַך קרומע | " 47 |
| הויפן | " 48 |
| טאַרטיעריאַ | " 51 |
| אויף הארטן שטיין | " 52 |
| מאַריהואַנאַ | " 53 |
| וואַגאַבונדן | " 55 |
| אַ ממזר | " 56 |
| וואו זענען די מאַמעס | " 57 |
| באַלעראָס | " 58 |
| די זקנה | " 63 |
| דער זקן | " 64 |
| ביי טונקעלע טירן | " 66 |

| | |
|---|---|
| סובאטע | זייט 67 |
| א מענטש | " 68 |
| מענטשן פון די הינטערגעסלאך | " 69 |
| הונגער | " 70 |
| קלאגט א מענטש מיט אן עלנט געקלאג | " 71 |
| קלויסטערס | " 72 |
| פערפעטוא סאקארדא | " 77 |
| דער הימל איז זוניק | " 79 |
| הענגט א זון | " 80 |
| פולקעריא | " 81 |
| מאניאניטאס | " 82 |
| ווי שטענדיק | " 84 |
| הימל איבער שטאט | " 85 |
| אויטאסוגעסטיע | " 86 |
| געגוג פאר דיר | " 87 |
| נויט | " 89 |
| מיין ליד כ׳האב ניט דערזונגען | " 90 |
| ווען עס וואלט נאר אין מיר זיין געווענדט | " 91 |
| איך ווארט אויף א טאג | " 93 |

## טעפיטא

| | |
|---|---|
| 1 | " 101 |
| 2 | " 143 |

## מעקסיקאנישע נעכט

| | |
|---|---|
| מעקסיקאנישע נעכט | " 163 |
| צוועלף אזייגער | " 167 |
| נאכט | " 169 |
| שטערן | " 170 |
| שלאפנדיקע גאסן | " 171 |
| יעדע נאכט | " 172 |

| | |
|---|---|
| א מענטש וואָס האָט פאַרלוירן פרייד | זייט 173 |
| נאַכטלעגער 1 | „ 175 |
| נאַכטלעגער 2 | „ 176 |
| ווען הונט פאַראייניזאַמטער | „ 177 |
| אַמאָר | „ 178 |
| שוואַרצע אַספּאַלטן | „ 179 |


## אויף באַרגיקע וועגן

| | |
|---|---|
| ווייסן מענטשן... | „ 185 |
| מעקסיקאַנישע וועגן | „ 186 |
| סטעפּעס | „ 187 |
| ליכטיקע טעג | „ 188 |
| פעלדער | „ 189 |
| גאָלדענע גאָרבן | „ 190 |
| פרילינג אייביקער | „ 191 |
| אין דאָרף | „ 192 |
| טענאַנגאָ דעל וואַיע | „ 194 |
| אַנזוניקער טאָג | „ 195 |
| ביים אָפּגרונט פון טאָג | „ 196 |
| הילט מיך | „ 199 |
| שטאַרבנדיקער טאָג | „ 200 |
| אָוונט אין סטעפּ | „ 201 |
| זונלאַנד | „ 202 |
| די צייט איז אַ מילנער | „ 203 |

---

| | |
|---|---|
| אויסטייטשונגען פון מעקסיקאַניזמען | „ 205 |

# LA CIUDAD DE LOS PALACIOS

POEMAS

POR

ISAAC BERLINER

◉

DIBUJOS

DE

DIEGO RIVERA

MEXICO

MCMXXXVI